STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05812

Y.L. PERETS IN DER YIDISHER DIKHTUNG

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ל. פרץ אין דער יידישער דיכטונג



צייכענונג: י. פאַרטנאַי

י. ל. פרץ

אין דער יידישער דיכטונג

אַנטאָלאָגיע

צונויפגעשטעלט פון
נחמן מייזיל

פארלאג
י. ל. פרץ
ישראל
1965

J. L. PERETZ IN DER JDISHER DICHTUNG

Editing by

NACHMAN MEISEL

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby str., Tel-Aviv, Israel

*

י. ל. פרץ אין דער יידישער דיכטונג

צונויפגעשטעלט פון נחמן מייזיל

פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, אלנבי 31

©

נדפס בישראל תשכ״ה
Printed in Israel 1965

דפוס „ארזי״ בע״מ, ת״א, רח׳ אילת השחר 4, טל. 34294

אינהאַלט

	זייט
צו די לייענער / נחמן מייזיל	9
מאָריס ווינטשעווסקי	17
שלום עליכם	21
מאָריס ראָזענפעלד	22
דוד גרינבערג	25
משה לייב האַלפּערן	27
משה נאַדיר	30
יעקב אַדלער	31
עוזיאל פליישמאַן	34
ה. רויזענבלאַט	35
י. ב.ביילין	37
דוד בערגעלסאָן	38
ישראל צינבערג	39
דער נסתר	41
יואל סלאָנים	43
מרדכי יאָפע	46
לייב קוויטקאָ	48
קאַדיע מאָלאָדאָווסקי	49
זעליק אַקסעלראָד	51
אברהם רייזען	52
מנחם באָריישא	74
נ. י. גאָטליב	79
ברוך אָליצקי	84
מ. גינזבורג	86
מאָטל האַרצמאַן	88
א. גאָנטאַר	92
לייזער וואָלף	94
ה. לייוויק	95
ש. ראָסין	99
ב. י. ביאַלאָסטאָצקי	100
איציק פעפער	102
ב. לאַפּין	106
א. לעיעלעס	107
אברהם סוצקעווער	112
רחל קאָרן	115
אברהם לעוו	117
יהושע גרינבערג	119
אברהם זאַק	121
אהרן צייטלין	123
חיים לייב פוקס	130
לייב אָליצקי	132
משה שולשטיין	136
משה וואַלדמאַן	145
ישעיהו שפיגל	147
מאַרק שווייד	152
יעקב גלאַטשטיין	153
שלום שטערן	155
שרה פעל־יעלין	159
מאַטעס דייטש	161
מלכה לי	162
לייב מאָרגנטוי	164
אליעזר אַראָנאָווסקי	165
יעקב גלאַנץ	167
יצחק בערלינער	170
יאָסל גאָלדבערג	173
י. ח. ראַדאָשיצקי	175
משה שקליאַר	177
משה זאַלצמאַן	178
ל. פיינבערג	180
ישראל עמיאָט	182
גוטע גוטערמאַן	184
י. י. סיגאַל	187
אפרים אויערבאַך	188
בינם העלער	190
ז. וויינפער	192
אריה שמרי	197
משה יונגמאַן	199
י. ח. בילעצקי	202
י. צ. שאַרגעל	204
א. נ. שטענצל	206
ש. בודין	207
אליהו רייזמאַן	209
דוד ספאַרד	211
בער גרין	213
ל. מילער	215
אליעזר גרינבערג	218
מלך ראַוויטש	222
(באַטייליקטע לויטן א"ב)	224

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון
קרובים און פריינד אין ליכטיקן
אָנדענק פון דער אומפאַרגעסלעכער,
באַליבטער
נ ע ל ל י (נ ע כ ע) ב ע ר נ י ק ע ר

צו די לייענער

פופציק יאָר טיילן אונדז אָפּ פון יענעם טאָג, ווען יצחק לייבוש פּרץ האָט פּלוצעם אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם. שבת אין דער פרי, דעם דריטן טאָג חוה״מ פּסח (דעם 3טן אַפּריל 1915), האָט ער אָנגעהויבן שרייבן אַ ליד „שטילער, שטילער, לעבן וויל ער״, באַקומען אַ האַרץ־אַטאַק און אַוועק פון דער וועלט.

עס איז געווען די צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, וועלכע האָט געבראַכט מוראדיקע פּורעניותן און פאַרוויסטונגען, ספּעציעל דעם יידישן פאָלק, וואָס האָט געלעבט אין געדיכטע מאַסן נאָענט צו די קריגס־געביטן און געווען אויסגעשטעלט דורך דער צאַרישער מאַכט אויף כלערליי בלבולים און פאַרפאָלגונגען. געיאָגטע און געפּלאָגטע, האָבן זיך דאַן טויזנטער יידן, פאַרטריבענע פון זייערע היימען, קוים דערשלעפּט ביז וואַרשע, און אינעם גמינע־הויף געפונען אַ צייטווייליקן מקום־מקלט. פון זיין גמינע־פענצטער האָט פּרץ צוגעזען די גרויליקע בילדער, זיין האַרץ האָט דאָס אַלץ איבערגעלעבט און נישט אויסגעהאַלטן.

עס געדענקען זיך יענע טעג, ווען עס איז אָנגעקומען קיין קיעוו די אויפטרייסלענדיקע ידיעה, אַז פּרץ איז געשטאָרבן. ווי פאַרלוירענע יתומים, וואָס זייער פאָטער איז פון זיי אַוועקגעריסן געוואָרן, האָט מען אין גרויס פאַרצווייפלונג געזאָגט צו זיך: מיר זענען יתומים, אָבער — אויך יורשים, אויף וועמען עס ליגט איצט דער חוב נישט נאָר אָפּצוהיטן די רייכע פּרץ־אוצרות, נאָר מיר זענען מחוייב זיי פאַרמערן און פאַרטיפן. דאָס זעלבע געפיל איז געווען דאַן ביי פיל יידישע שאַפער, די מיטשותפים צום יידישן רענעסאַנס אין יענער טראַגישער אָבער דערהויבענער תקופה אינעם יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן איבער דער גאַרער וועלט, וואָס י. ל. פּרץ איז געווען זייער פאָנען־טרעגער.

אין אַ יידישן בריוו (פונעם 3טן מאַי 1915) צו יעקב דינעזאָן, האָט

ח. נ. ביאַליק געשריבן: „פּרצעס טויט האָט עפּעס אויף מיר געמאַכט אַן איינדרוק ווי אַ מין „עלה בסערה״ [ער איז אַרויף אין אַ שטורעם — ווי אליהו הנביא — נ. מ.]; זיין שאַפן איז דאָך אויך געווען אַזוי: ברכב וסוסי אש, — שטורמיש איז ער דורכגעפלויגן אין זיין פייערדיקער מרכבה, און בליצן זענען אים געלאָפן פאַרויס און נאָך אים. מיר דאַכט זיך, אַז ער וועט זיך נאָך נישט איין מאָל באַווייזן און דווקא אַ גוטמוטיקער, פּונקט ווי יענער אַלטער זיידע... ער איז דאָך ווי יענער קנאי בן קנאי [אליהו הנביא — נ. מ.] נישט געשטאָרבן״...

און אַזוי איז געשען: פאַר די פופציק יאָר באַווייזט זיך צו אונדז פּרץ אַלע מאָל פון דאָס ניי, דערהויבענער און צעשטראַלטער. פּרץ גופא האָט אַ מאָל געזאָגט: „אין ערגעץ נישט פאַרשטיינערט ווערן, אין ערגעץ נישט פאַרגליווערט ווערן, אין ערגעץ נישט בלייבן שטיין!...״ און אַזוי איז געווען אַלע יאָרן, אין די זיבן מאָל זיבן יאָרן: מיר זעצן פאָר צו לעבן מיט פּרצן, און יעדעס מאָל מיט אַ נייער פאַרהערלעכונג און מיט אַ נייער פאַרגאַפונג פאַר אים, פאַר זיין פּערזענלעכקייט, פאַר זיין גייסט און שאַפן. יוחנן דער מלמד (וואָס איז געווען פאַר פּרצן, וואָס מענדעלע מוכר ספרים איז געווען פאַר שלום יעקב אַבראַמאָוויטש) זאָגט: „איך זאַפּ איין די ניצוצות, איך זאַפּ איין די ליכטיקע פונקען פון צווישן די שורות, פון צווישן די אותיות; די נשמה זאַפּט זיי דאָך איין ווי אַ שוואָם!״ און אַזוי טוען מיר די פינף צענדליק יאָר מיט פּרצן: מיר זאַפּן איין די ניצוצות, זיינע ליכטיקע פונקען...

אינטערעסאַנט: ביי פּרצעס לעבן איז וועגן אים און זיין שאַפן קיין איין בוך נישט דערשינען (נישט צו רעכענען די צוויי ביכלעך־פּאַשקווילן פון א. גאָלדבערג — דוד פרישמאַן קעגן פּרצן און זיינע „יום־טוב־בלעט־לעך״, אַרויסגעגעבן מיט דער אונטערשטיצונג פון פאַרלאַג „אחיאסף״, וואַרשע, 1894)*, ערשט נאָך פּרצעס טויט איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן

---

* אברהם גאָלדבערג — „לאָקשען״, אַ בלעטעל צור אונטערהאַלטונג, אַרויסגע־געבן דורך א. י., וואַרשע, תרנ״ד, 26 שפּאַלטן; „אַ פּלוי פון תשעה באב״, פאַרפאַסט פון אַברהם גאָלדבערג, אַרויסגעגעבן דורך א. יאלאָוו, א שוואַרץ שפּרינגענדיק, לעבעדיק בייסנדיק בלעטל, וואַרשע, תרנ״ד, 30 שפּאַלטן. אין דיביידע בלעטלעך האָבן מיר חוזק־אָנפּאַלן, פּאַראָדיעס, פּאַראַפראַזירונגען, נאַרישע גראָבע וויצן און אָנצוהערענישן קעגן פּרצן און זיינע „יום־טוב־בלעטלעך״.

דאָס ביכל פון שכנא עפשטיין „י. ל. פרץ — אַלס סאָציאַלער דיכטער" (ניו־יאָרק, 72 זייטן). און ביי היינט צו טאָג האָבן מיר שוין אַ רייכע ביב־ליאָטעק, געווידמעט פּרצן און זיינע ווערק, 35 ביכער און ביכלעך, אויסער צענדליקער זאַמלונגען און ספּעציעלע צייטשריפטן וועגן פּרץ און זיין שאַפן.

דאָס נעמלעכע איז מיט לידער און פּאָעמעס, געווידמעט זיין ליכטיקן אָנדענק און אומרויִקן גייסט, ווי עס ווערט געבראַכט צום אויסדרוק די פאַרהערלעכונג פאַר פּרצן, דאָס איבעררופן זיך מיט אים, מיט זיינע אויס־געטרוימטע טיפן און העלדן — אָנגעהויבן פון זיין יידישן ערשטלינג־ווערק „מאָניש", „באַנטשע שוויג", „דריי בייטאָרינס" און אַלע אַנדערע רעאַלע און סימבאָלישע, אַלעגאָרישע און הערויִשע געשטאַלטן פון פאַר־שידענערליי שיכטן און סביבות פונעם יידישן היסטאָרישן און היינט־צייטיקן לעבן.

עס איז פון די זעלטענסטע פאַלן אין דער ליטעראַרישער וועלט, אַז אַ דיכטערישע פּערזענלעכקייט זאָל אַזוי באַווירקן, רעגן און סטימולירן אַזאַ לאַנגע צייט ווי עס איז דער פאַל מיט יצחק לייבוש פּרץ. עס ווייזט זיין גרויסקייט און רייכקייט, און באַווייזט אויך די מזל־ברכה, דעם דאַנקבאַרן באָדן פון דער ווייט־גייענדיקער געבענטשטער השפּעה, ווען דורות דיכטער פון פאַרשיידענעם כאַראַקטער ווערן אַלץ מער באַאיינפלוסט פון אים.

די דאָזיקע אַנטאָלאָגיע פון פאַרשידנסטע לידער און פּאָעמעס, די מער־מייסטערישע און קינסטלערישע און די גאַנץ פּרימיטיווע און סענטי־מענטאַלע, געשאַפן אין פאַרשיידענע צייטן און געלעגנהייטן האָט אָן ספק אַ וויכטיקן קולטור־היסטאָרישן באַטייט. מיר האָבן דאָ שאַפונגען און דאָקומענטן, פון וועלכע מיר זעען, ווי יידישע דיכטער האָבן אויפגעפאַסט די פּרץ־געשטאַלט, אַרויסגערוקט און אַרויסגעהויבן זיינע פאַרשידענע מאָמענטן, שטריכן און עלעמענטן.

באַלד נאָך פּרצעס טויט, האָט בער באָראָכאָוו פאַרעפנטלעכט אַ פּרץ־ביבליאָגראַפיע, געמאַכט, ווי ער האָט אַליין געזאָגט, „אין דער גרעסטער איילעניש". ער האָט זי אָנגעהויבן אַזוי: „זאָל דער נאָמען „פּרציאַנאַ" פונעם היינטיקן טאָג והלאה [און ווייטער — נ. מ.] באַצייכענען יענעם מין ביבליאָגראַפיע, וואָס וועט זיך אָפּגעבן מיט דעם לעבן און מיט די ווערק פון דעם פאַרשטאָרבענעם פּאָעטער פון דער יידישער ליטעראַטור. און

זאָל אָט אָ די קליינע אַרבעט אונדזערע זיין דער ערשטער, באַשיידענער כבוד, וואָס די ביבליאָגראַפישע וויסנשאַפט גיט אָפּ פון איר זייט דעם פאַרגאַנגענעם שטערן פון יידישן שאַפן. אינעם געוואַלטיקן אוצר פון פאַר־שידנשפּראַכיקע יידישע ספרים און פּעריאָדישע אויסגאַבן ווערט צום ערשטן מאָל אַריינגעשטעלט אַ נייער שראַנק מיט דער אויפשריפט: „פּרציאַנא”; דאָרט וועט באַהאַלטן און אָפּגעהיט ווערן פאַר די אומצייליקע קומענדיקע דורות אַלצדינג, וואָס יצחק לייבוש פּרץ האָט געבוירן פון זיין גייסט, און אַלצדינג, וואָס האָט אַ שייכות צו זיינע ווערק און צו זיין פּערזענלעכקייט”... און אויסרעכנדיק אַ צאָל „אַנדערע ענלעכע שראַנקען אין דער יידישער ביבליאָטעק”, וואָס „גאַנצע דורות ביבליאָגראַפן האָבן מיט ליבע און מעטאָדישע אַרבעטס־לוסט אַריינגעגעבן אַהין אַלץ מער און מער אוצרות”, האָט ב. באָראָכאָוו צוגעגעבן, אַז „אין איין שורה מיט די דאָזיקע שאַפעס וועלן אויך די שיפלאָדן פון דער „פּרציאַנא” פאַרנעמען אַ בכבודיקן פּלאַץ אין דעם מוזיי פון יידישער קולטור און יידישן שאַפונגס־גייסט” (זאַמלבוך „י. ל. פּרץ”, ניו־יאָרק, 1915, ז' 103).

מיר רעכענען, אַז די דאָזיקע אַנטאָלאָגיע פון די לידער, געשריבן דורך זעקס און זיבעציק דיכטער אין לויף פון צענדליקער יאָרן, וועט פיל צוטראָגן צו די רייכע און קאָלירפולע פּרץ־אוצרות.

מיר זענען געשטאַנען פאַר אַ נסיון: לכתחילה האָבן מיר געוואָלט אַריינגעמען אין דער אַנטאָלאָגיע אויך אויסצוגן פון פּראָזע־ווערק, פון זכרונות, אָפּהאַנדלונגען און עסייען, געשריבן דורך דערציילער און קריטיקער, וווּ עס איז אויף פאַרשידענע אופנים אַרויסגעבראַכט די פּרץ־געשטאַלט אין אירע פאַרשידענע אַספּעקטן, און פון פאַרשידענע צוגאַנגען. עס וואָלטן אמת געווען אַ טראָפּן פונעם גרויסן ים אַרטיקלען, אָפּשאַצונגען און כאַראַקטעריסטיקעס. אַוודאי וואָלט אַזאַ פּרץ־אַנטאָלאָגיע געווען וויכטיק און באַלערנדיק. אָבער דאַן וואָלט עס אַרויס פון די געשטעלטע ראַמען און איבער אונדזערע מעגלעכקייטן. מיר האָבן געמאַכט אַן אויסנאַם פאַר די דריי פּראָזע־שאַפונגען פון דוד בערגעלסאָן, ישראל צינבערג און דער נסתר, ווייל זיי זענען אין תוך לידער אין פּראָזע...

ביים צונויפשטעלן דעם געזאַמלטן לידער־מאַטעריאַל, האָבן מיר זיך געשלאָגן מיט דער דעה, אין וועלכער אָרדענונג צו געבן די לידער

און פּאָעמעס. עס איז אָפּט אָנגענומען דער סדר: לויטן אַלף־בית פון די מחברים. אַ מאָל באַנוצט מען זיך, ביים צונויפשטעלן אַזאַ מין זאַמלונג, מיטן עלטער פון די פאַרפאַסער. אַוודאי איז עס דאָס גרינגסטע פאַר דעם צונויפשטעלער. עס לאָזט זיך אויך אַ דריטער אופן: געבן די לידער לויט די יאָרן, ווען זיי זענען געשאַפן געוואָרן. אָבער נישט אַלע מאָל איז צו דערגיין ווען אייגנטלעך עס איז אָנגעשריבן דאָס ליד, וואָס איז געדרוקט אין אַ זשורנאַל, אָדער אַריין אין דעם בוך פונעם דיכטער.

האָבן מיר געגעבן דעם גאַנצן מאַטעריאַל אין באַשטימטע אָפּטיילן: קודם כל — געבראַכט די לידער, וואָס זענען געשריבן ביי פּרצעס לעבן. מיר האָבן אָנגעהויבן מיטן ליד פון מאָריס ווינטשעווסקי, געשריבן אין 1894. אָנגערעגט פון פּרצעס אַ ליד „אויסגעשטאָרבן" (געדרוקט אין ניו־יאָרקער „אַרבעטער־צייטונג", סוף 1894), ווו ער האָט זיך געקלאָגט, אַז ער האָט געזוכט אַ העלד, אין פאַרשידענע ערטער, פאַר זיינער אַ פּאָעמע, און נישט געפונען. דערויף האָט אים מ. ווינטשעווסקי געענטפערט מיט דעם ליד. מיר האָבן אויך געגעבן שלום עליכמס אייגנאַרטיקע באַגריסונג פון 1901 צו פּרצן, ווו מיר האָבן אויך אָנדייטונגען אויף די פּרץ־שלום־עליכם־באַציונגען און אויף דער באַנייטער גוטפריינדשאַפט צווישן זיי.

דערנאָך קומען לידער, געשאַפן גלייך נאָך פּרצעס טויט, ביים „אָפענעם קבר", געשריבן דורך פאַרשיידענע דיכטער: סתם הספּד־ווערטער, און אויך — פון העכערער קינסטלערישער מדרגה.

נאָך די דערמאָנטע דריי פּראָזע־שאַפונגען, ליד און פּראָזע, גע־שריבן אין די יאָרן 1915—1917, האָבן מיר לידער, פאַרפאַסט אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ביי די יאָרציַיטן, ביי די געבוירנטעג פון י. ל. פּרץ, — אָנגעהויבן פון 1920 און אַזוי ביז היינטיקס יאָר, 1965, צום 50סטן יאָרצייט.

גאָר באַזונדערס טיילן זיך אויס די לידער, געשריבן נאָכן גרויסן גרויזאַמען חורבן פונעם פּוילישן יידנטום, נאָך חורבן וואַרשע, ווי אויך די לידער, אָנגערעגט און סטימולירט דורך דעם נס, וואָס דער „אוהל פּרץ" איז געבליבן גאַנץ. — עס ווערט אויפגעפאַסט, ווי אַ סימבאָל און רמז, אַז נצח פּויליש יידנטום לא ישקר... דער „אוהל פּרץ" וואַקסט אויס אין אַ מין כותל מערבי, פאַר וועלכן יידישע דיכטער וויינען און קלאָגן אויס דעם גרויסן פאָלקס־אומגליק. גלייכצייטיק אָבער שעפּן זיי פון פּרצן,

פון זיין גייסט דערהויבנקייט, אמונה, בטחון, טרייסט און גבורה פאַר יידישן פאָלק אויף ווייטערדיקע יאָרן, אויף נייע פאַרמעסטן צו לעבן און צו שאַפן. און ווי אַנדערשדיק און פאַרשיידן עס זענען די דיכטער, אַזוי אויך אַנ־דערש איז זייער צוגאַנג ביים אויפנעמען פּרצן, זיין געשטאַלט, זיין מהות, זיין לעבעדיקע ירושה!

ביים לייענען די לידער, די פראַגמענטן פון גרעסערע פּאָעמעס, ווערן מיר איבערראַשט, ווי פיל אַנגעזעענע דיכטער, ביים שאַפן אַ פּרץ־ליד, מאַכן זיי באַמיונגען צו דערגיין און צו דערקלייבן זיך צו זיין הויך און הויכקייט, צו זיין תוך, צום לפני ולפנים פונעם דיכטער־דענקער, דעם שטענדיקן אומרויִקן זוכער פון אינהאַלט און פאָרעם, צום עיקר העיקרים פון זיינע זוכענישן און אַנטפּלעקונגען. אָפט באָרגן די דיכטער די פּרצישע וויזיאָנערישע געשטאַלטן, כדי דורך זיי אַרויסצוברענגען זייערע אייגענע זוכענישן, דיכטערישע פאַרמעסטן, אייגענעם אומרו און פּראָטעסט, בונט און צווייפל. מיר ווילן נישט טייטשן און אויסטייטשן, זוכן די שייכותן און איינפלוסן פון פּרץ־שאַפונגען אויף די לידער פון די דיכטער, וואָס זענען פאַרטראָטן אין דער אַנטאָלאָגיע. עס איז אינטערעסאַנט, ווי פּרץ האָט געווירקט און באַאיינפלוסט פאַרשיידענע דיכטער, סיי די, וואָס זענען געווען נאָענט און אייגן צו אים, און סיי די, וואָס זענען צו אים צוגע־גאַנגען פון דער ווייט, פון דער זייט. קלאָר, דורך די געבראַכטע לידער, געווידמעט פּרצן, קאָנען מיר אויך פאַרשן די דיכטער, וועלכע האָבן דורך די פּרץ־לידער אַרויסאַנטפּלעקט זייער אייגענעם תוך, מהות און דיכטע־ריש־מייסטערישן ניוואָ...

און אין סך־הכל — איז עס אַן אינטערעסאַנטער פאַרמעסט פון צענד־ליקער דיכטער, וואָרט־מייסטער און קינסטלער־דענקער, ווו יעדער איינער פאַסט־אויף, מאָלט אויס און רוקט אַרויס די גרויסע פּרץ־געשטאַלט, די וווּנדערבאַרע פּרץ־פיגור. עס זענען אין תוך וואַריאַציעס אויף דער גרויסער טעמע יצחק לייבוש פּרץ. עס לאָזט זיך לערנען און שטודירן די פאַרשיי־דנערליי וואַריאַציעס און מאַכן באַלערנדיקע אויספירן, וואָס קאָנען באַווייזן דעם כסדרדיקן וווּקס און נאָכאַנאַנדיקע אַנטוויקלונג פון דער יידישער דיכטונג און איר מייסטערשאַפט. עס איז אויסערסט אינטערעסאַנט, ווי די פּרץ־פּערזענלעכקייט איז געוואַקסן אין לויף פון יאָרן, אין גאַנג פון

דורות. פון די ערשטע פּרץ־לידער, אַרויסגעזונגען פון עלטערע דיכטער ביז די ווייטערדיקע און לעצטערע — איז פּאָלג מיך אַ גאַנג! דערפֿאַר האָבן מיר געגעבן עטלעכע פּרץ־לידער פון איין און דעמזעלביקן דיכטער, געגעבן זיי איינס נאָכן אַנדערן, הגם זיי זענען געשריבן אין פאַרשידענע צייטן. עס ווייזט אויך דעם גאַנג, דעם געענדערטן געמיט־צושטאַנד פונעם דיכטער.

מיר האָבן ביי פיל לידער אַנגעגעבן די שטאָט, דאָס לאַנד, ווו דאָס ליד איז געשאַפן, און אויך — ווען נאָר געוווּסט, — אויך די דאַטע פונעם ליד.

לאָמיר צוגעבן, אַז מיט אַ 15 יאָר צוריק האָבן מיר אין אונדזער בוך „י. ל. פּרץ און זיין דור שרייבער״, (ניו־יאָרק, 1951 — זייטן 184—214), געהאַט אַן אָפּהאַנדלונג „י. ל. פּרץ אין דער דיכטערישער אויפפאַסונג״, ווו מיר האָבן גערעדט וועגן די דיכטער, וואָס האָבן געשאַפן לידער וועגן פּרצן און געבראַכט פון זיי אויסצוגן. אין יענער אָפּהאַנדלונג האָבן מיר געהאַט פּאַר זיך 48 לידער פון 38 יידישע דיכטער. זענען מיר צופרידן, וואָס איצט, אָנהייב 1965, האָבן מיר באַוויזן אויפצוזאַמלען ביי אַ צוויי הונדערט לידער פון 76 דיכטער.

עס האָט מיר אַרויסגעהאָלפן אין דער אַרבעט ביים זאַמלען די לידער מיין פרוי כיענע. קומט איר אַ גאָר באַזונדערן דאַנק.

מיר האָבן מסתמא אַדורכגעלאָזט וויכטיקע פּרץ־לידער, וואָס זענען ראוי צו קומען אין דער אַנטאָלאָגיע. וועל איך דאַנקבאַר זיין די, וואָס וועלן מיר אָנווייזן אויף דעם. ביי אַזאַ מין אַרבעט מוז מען זיך האַלטן ביים כלל: „לא עליך המלאכה לגמור!״

מיר דריקן אויס אונדזער דאַנק די דעטראָיטער פריינד, וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט, אַז די אַנטאָלאָגיע זאָל דערשיינען. די ביישטייערונג איז דורך זיי געגעבן געוואָרן צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון דער באַליבטער, פרי־פאַרשטאָרבענער נעללי (נעכע) בערניקער (פון דער היים — לאזניק), וועלכע האָט אַלע אירע יאָרן געטראָגן אין זיך ליבשאַפט און פאַרערונג פאַרן קינסטלערישן יידישן וואָרט, און געבראַכט עס צום אויסדרוק דורך אירע אַקטיוויטעטן.

נחמן מייזיל

אלונים, אַפּריל 1965.

מאָריס ווינטשעווסקי

זיי לעבן נאָך!*

אַלזאָ ליבער, גוטער ברודער,
דו, וואָס האָסט אַזאַ טאַלאַנט
אָנצומאַכן אַ גערודער
צווישן יידן אַלערהאַנט.

מיט גלייכווערטלעך, מיט געשיכטן,
מיט אַ וויץ, וואָס האָט אַ שפּיץ,
דו, וואָס דונערסט אין געדיכטן
און באַלייכטסט מיט דיין בליץ —

אונדזער חושך, און לאַקאָניש
שילדערסט אונדז אַזאַ געשטאַלט
פון אַ יידעלע ווי „מאָניש"
אין פרוי לילית געוואַלט —

דו באַקלאָגסט זיך, אַז פאַרדאָרבן
איז לחלוטין היינט די וועלט,
אַז עס איז שוין אויסגעשטאָרבן
גאָר אין גאַנצן יעדער העלד?!

ניין, איך קאָן ביי זיך ניט פּועלן,
עס זאָל האַלטן אַזוי שמאָל
אין דעם „קעניגרייך פון פּוילן",
ווי עס פלעגן אָן אַ צאָל

* אַן ענטפער אויף י. ל. פּרצעס ליד „אויסגעשטאָרבן" (געדרוקט אין ניו־יאָרקער „אַרבעטער צייטונג" סוף 1894). נ. מ.

גרויסע העלדן זיך געפינען,
וועלכע האָבן זייער בלוט
שטאַרק געלאָזן שפּריצן, רינען,
אונטער אַלעקסאַנדערס קנוט.

איז עס אָבער ווירקלעך ערגער,
ווי מיר וואָלטן דאָ געגלויבט.
און דער גרויסער העלדן-ווערגער,
האָט אַזוי ווייט אייך באַרויבט,

אַז אַפּילו אין דער דיכטונג
איז אין פּוילן ניט פֿאַראַן,
אין קיין מענטשלעך פרייער ריכטונג
אויף קיין אופן ניט אַ מאַן,

וואָס זאָל קאָנען פיגורירן
אין פּאָעזיע אַלס העלד —
דאַן, מיין ברודער, קום שפּאַצירן
אין די גרויסע, נייע וועלט.

העלדן דאָ וועסטו געפינען מאַסן,
העלדן צווישן אַרבעטס-לייט,
וועלכע אָפּפערן געלאַסן
לייב און לעבן, אין דעם שטרייט

מיט דעם באַס דעם אונטערדריקער,
מיט דעם אומגעקרוינטן צאַר,
וועלכער שטרעבט צו ווערן דיקער
דורך די הענט, וואָס בלייבן דאַר.

אָ דו, דאַרפסט זיי נאָר באַטראַכטן
דיזע בראַווע אַרבעטס-לייט,
ווי זיי קעמפן אין די שלאַכטן,
האַנט אין האַנט, און זייט-ביי-זייט

אָן געווער, אָן גענעראַלן,
זייער אָפּט אויך אָן פּראָוויאַנט,
פאַר פּרינציפּן, אידעאַלן,
מיט דער הוילער דאַרער האַנט.

ווי זיי ווערן גיך איין גאַנצער
גרויסער פאָלק, באַרייט צום קריג,
מיט דער פרייהייט פון אַ פאַנצער,
שרייענדיק „טויט אָדער זיג”.

ווי זיי גייען און מאַרשירן,
יונג און אַלט, מיט ווייב און קינד,
קעגן רויב צו פּראָטעסטירן,
קעגן גיהנומס הויזגעזינד.

אָ, דו דאַרפסט זיי נאָר באַטראַכטן,
דיזע קעמפער אָן געווער,
אין דעם לאַגער, ווו זיי שמאַכטן,
אָדער שטאָלץ אויף יוניאָן סקווער,

און דו וועסט ניט בעטן שכנים,
אָדער מענטשן אויפן גאַס,
דיר אַ העלד צו געבן איינעם,
ווען דו האָסט אַ גאַנצן קלאַס.

אין דיין שיינע, קלוגע מוזע,
וואָלט געפונען אויפן פעלד,
אין אַ פּראָלעטאַריער־בלוזע,
אין דעם פאָלק אַ וואָרן העלד.

1894

שלום עליכם

צו י. ל. פרץ

(צו זיין 50סטן געבוירנטאָג — ל"ג בעומר, תרס"א—1901)

היום שלושה ושלושים יום, שהם ארבעה שבועות וחמשה ימים לעומר, בשנת תרס"א, שהיא שנת היובל לפרץ; ובכן יהי רצון שבזכות ספירת העומר שספרתי היום יתוקן מה שפגמתי בספירה — הוד שבהוד, אמן סלה...

פון אַ גויאישער שטאָט טרינק איך אַ יידישן טאָסט,
פון יידישן וויין גאַנץ יידישלעך פּראָסט.
צוויי שמידן קלאַפּן מיט צווייערליי האַמערס אין אייזן,
צוויי אַרבעטער האָרעווען מיט צווייערליי געצייג איבער איין אַרבעט.
צוויי רייזנדע שפּאַנען פון צווייערליי פּונקטן צו איין ציל.
צוויי ליטעראַטן שרייבן מיט צווייערליי פּענעס צוליב איין פאָלק.
פון אַ גויאישער שטאָט טרינק איך אַ יידישן טאָסט,
פון יידישן וויין גאַנץ יידישלעך פּראָסט.

לעבן זאָל אונדזער פאָלק!
לעבן זאָל זיין ליטעראַטור!
לעבן זאָלן אירע געטרייע אַרבעטער,
לעבן זאָל דער פאָלקס-יובילאַר פּרץ!

הידד!
שלום עליכם

קיעוו, 1901

מאָריס ראָזענפעלד

זון־אונטערגאַנג

ער האָט געשריבן לידער, סקיצן,
ער האָט לעגענדעס אונדז געבראַכט,
עס האָבן זיין נשמהס בליצן
באַלויכטן אונדזער גלות-נאַכט.

זיין גייסט איז העל געווען און ניכטער,
זיין אויג האָט הויך און ווייט געזען.
ער איז געווען זיין פאָלקס אַ דיכטער,
ער איז אַ שטאַרקע קראַפט געווען.

ער האָט פון ווייטן לאַנד פון קוואַלן
אַזש איבערן ים צו אונדז געשיינט,
געשיקט אונדז זיינע גאָלדענע שטראַלן, —
דאַרום רירט אונדז טיף זיין שיידן היינט.

דאַרום פאַלן אונדזערע הייסע טרערן
אויף זיין פאַרגיין פון דיזער וועלט.
— פאַרלאָשן איז אַ העלער שטערן
ר׳ יצחק לייבוש פּרץ פעלט!

ניו־יאָרק, 1915

יצחק לייבוש פרץ

(אַ קראַנץ פון זיינע אייגענע בלומען)

עס שווייגט דאָס פאָלק... עס איז אַנטשוויגן.
אַ שלוכצן ציטערט אין דער שטיל.
איך הער אַ „גלגול פון אַ ניגון"
ציט דורך די לופט מיט אַ געפיל.

„ר' יוחננס מעשהלעך" פאַרשטומען.
מען מורמלט: „אייזיקל שעכט"...
און „באָנטשע שווייגט"... קברנים קומען...
„פרינצעסין קוניגונדע" ברעכט

די הענט: דער קיניג איז פאַרגאַנגען!...
פון „צווישן צוויי בערג" קלינגט אַ שטים:
„באַגלייט פון הימלשע געזאַנגען
איז פרץ גלייך אַרויף צו אים"...

דאָס „קראַנקע יינגל" רעדט פון פיבער,
און „מאָניש" חזרט קדיש איין...
און שטום, און לאַנגזאַם צווישן גריבער
אַ טויטן-וואָגן פאָרט אַריין...

דער „משוגענער בטלן" וויינט משונה,
אַ „שטריימל" וויזט זיך אין דער לופט...
„ער לעבט... ער בלייבט אין אייער שכונה"...
פאַרנעם איך ווי אַ שטימע רופט.

די „נייטאָרין" ברענגט די מלבושים...
די „חופה-קלייד" איז אויפגענייט...

די שכינה קומט און גיט אַ קוש אים,
און טוט אים אָן די „גאָלדענע קייט"...

און כרובים מיט לולבים-פּעכער
דערוואַרטן זייער טייערן פריינד.
אַרויף גאַנץ הויך „אויב נישט נאָך העכער"
איז ער, אַוווּ דער מאָרגן שיינט...

1915

דוד גרינבערג

אַ טרער אויפֿן קבר

אַ שטערן איז פּלוצלינג פֿאַרלאָשן געוואָרן
אין טרויער איז יעקבֿס געצעלט, —
דער טויט האָט די מעכטיקע פּעדער צעבראָכן
אין האַנט פֿון דעם גייסטיקן העלד.

אין קבר שלאָפֿט פּרץ, דער דענקער, דער דיכטער,
דער ליבלינג, דער שטאָלץ פֿונעם ייִד,
צעבראָכן זײַן האַרפֿע, צעריסן די סטרונע,
פֿאַרקלונגען זײַן הימלישעם ליד!

ער האָט אין די רײַכסטע בריליאַנטענע פֿערזן
אונדז סודות, רמזים אַנטפּלעקט, —
געפֿונען די חסידישע „נשמה יתירה",
איר געטלעכע שיינקייט אַנטדעקט...

ער האָט ווי דער נבֿיא געוועקט און געוואָרנט,
געשטראָפֿט און געטרייסט זײַן נאַציאָן:
צעשמעטערט די געצן, פֿאַרשטומט דעם „מה יפֿית"
אין קאַמף מיט אַסימילאַציאָן.

רעספּעקט פֿאַר דעם קבר, דאָ שלאָפֿט אונדזער פּרץ,
רעספּעקט פֿאַר דעם בערגעלע ערד.
דאָ טרוימט אונדזער העלד פֿון דער מעכטיקסטער פּעדער,
פֿיל שטאַרקער און שאַרפֿער פֿון שווערד!

דײַן האַרפֿע, יצחק לייבוש פּרץ,
האָט דיך אומשטערבלעך געמאַכט:

אין דיינע פערזן, שנירלעך פערל
שוועבט דיין גייסט פון גלאַנץ און פּראַכט!

אויף דיין קבר שטראָמען טרערן,
וויינען ביידע זייטן מער,
זאָל דיין קבר אויך באַפּייכטן
מיין נשמהס הייסע טרער.

אַפּריל 1915, סינסינעטי

משה לייב האַלפּערן

און דו ביסט טויט

און דו ביסט טויט. —
און מיר וואָס דאַרפֿן ווי אַבֿלים איצט אַרומגיין שטום
און טיף־געבויגענע, מיר רינגלען אונדזער פֿאָלק אַרום
ווי מוידן אין אַ שענק ביי נאַכט אַ שיכורן מאַגנאַט.
און טרערן האָבן מיר, און רייד ווי פּערל, רונד און גלאַט.
און הענט אויך ברעכן מיר, צו ווייזן אונדזער טיפֿן וויי.
און איבער גאַסן ווייט און ברייט צעטראָגט זיך דאָס געשריי
פֿון סוחרים, אַלטע לייט און קינדער אויך, וואָס איילן זיך,
און באָטן אָן צום קויף דאָס בלאַט, ווו טעלעגראַפֿיש־גיך
אַנטפּלעקט מען אונדז, מיט רויט אויף וויים, אַז ס'קלאַפּט ניט מער דיין האַרץ.
און ווי אַ שטיוול־פּוץ־רעקלאַם, איז איינגעפּאַסט אין שוואַרץ
דיין גרויער טויטער קאָפּ. און ווער עס האָט אין מויל אַ צונג,
קלאַפּט אוים אַ ריטמיש וויי־געזאַנג, ווי ס'קלאַפּט אַ שוסטער־יונג
אַ גראָבן טשוואָק אַריין אין קנאַפּל פֿון אַן אַלטן שוך.
— — — — — — — — — — —
מיר האַנדלען דאָך מיט אַלץ, מיט אַלץ, מיט וואָס עס לאָזט זיך נאָר,
מיט תּורות, ווי מיט חזיר־האָר, מיט מענטש און טייוולס־קויט.
איין וווּנדער נאָר: פֿאַר וואָס מיר האָבן נאָך ביז היינט, ביים טויט
ניט אויסגענאַרט זיין מאָרד־געצייג פֿאַר שנאַפּס און קופּער־געלט.
ווייל וואָס קאָן זיין נישט מעגלעך דען, אין אָט דער נייער וועלט?
וווּ אַלע, אַלע דרייען זיך אַרום דעם קרעמער־גאָט,
ווי רויטע, ווילדע וועלדער־זין, וואָס טאַנצן אין אַ ראָד,
אַרום צעלייגטע פֿייערן מיט פּויקן און געזאַנג. — — —
יאָ! קיין מאָל, קיין מאָל נאָך האָט נישט דער שרעק פֿון אונטערגאַנג
גערעדט צו מיר אַזוי ווי איצט; מיט וויסטן מאַרק־געשריי
פֿאַרטיליקן מיר דאָס הייליקסטע אין אונדז, דאָס טיפֿסטע ווײי
פֿאַרקויפֿן מיר אויף וואָג און מאָס — און גאַרנישט שרעקט אונדז מער

דער טויט אַליין — ווי שטאַרק ער זאָל אונדז טרעפֿן נישט, ווי שווער
זאָל זיין, אַ קעניג אונדזערער ליגט טויט — מיר דעקן אָפּ
אַזוי אַן שאַנד זיין הארץ, ווי ס׳ציט דער שינדער־יונג אַראָפּ
דאָס פעל פון טויטן לייב. און ווי די שוואַרצע ראָב באַפאַלט
דעם טויטן אָדלער אויף דער ערד, באַפאַלן יונג און אַלט
דעם קעניגס טויטן־בעט און טאַפּן אַן זיין קרוין, זיין שווערד;
און סמאַטשקען מיטן צונג פון פרייד און שעצן פיל ס׳איז ווערט. —
און אויב ס׳איז וואָר, אַז דו ביסט טויט, פאַר וואָס זשע זאָלן מיר
נישט וואַגן היינט צו האַנדלען אויך מיט אונדז אַליין? — מיט דיר
דו מענטש, דו שטויב, דו העכסטע אָרעמקייט פון לעבנס־שטאָלץ,
וואָס ביסטו דען געווען פאַר אונדז? אַ לעצטע גלאָוויע האָלץ,
וואָס ברענט אין סטעפּ ביי נאַכט, אין רינג פון אַ ציגיינער־שטאַם;
אַ מאַסטבוים פון אַ שיף, וואָס ראַנגלט זיך מיט ווינט און ים;
אַ לעצטער בוים פון אַ פאַרכישופט־וואָגלענדיקן וואַלד,
אַוווּ דער בליץ האָט דעמבעם־ריזן טויזנט־יאָריק אַלט,
פון זייערע וואָרצלען אָפּגעהאַקט. און איצט? וואָס ביסטו איצט?
אַ מענטש אויף קאַלטער ערד, באַוועגלאָז־שטום, ווי אויסגעשניצט
פון מאַרמאָר־שטיין, אין שיין פון טויטן־ליכט. אַן אָנהייב־סוף,
אַ בילד, אַ רגע זעונג בלויז, פון יענעם לאַנגן שלאָף,
וואָס נעמט ביי אונדז דאָס ליכט פון טאָג, דעם שיין פון שטערן צו,
מיט גאָר דער שיינקייט פון דער גאַנצער וועלט. איז דאָס די רו,
וואָס אַלע זוכן מיר אין יענעם וייטאָג־שפּיל,
וואָס רופט זיך לעבן אַן? איז דאָס דער גאַנג צו יענעם ציל,
פון וואַנען קיינער קערט זיך שוין נישט אום? פאַרגיב, פאַרגיב,
פאַר וואָס איך פרעג אַזוי. איך האָב דאָך אויך דאָס לעבן ליב,
און אויגן האָב איך אויך, און אָפענע, און איך בין בלינד.
און צוויי מאָל היימלאָז איז מיין האַרץ, און הפקר ווי דער ווינט.
איך בין דאָך אויך אַ רינג פון יענער אַלטער גאָלדענער קייט,
וואָס ליגט אין אַלע ווינקלען וועלט צעוואָרפן און צעזייט,
ווי שטיינער אין דער ווילדעניש. און קראַנק בין איך, און מיד.
פון זיך אַליין, ווי פון דעם אייביק אַלטן קרעמער־ליד.

וואָס ווײַנט אַרוים דורך יעדן פענצטער־שפּאַלט, דורך יעדער טיר,
פון אונדזער גרויער גאַס. פאַרגיב! — דאָס איז מײַן בלוט אין מיר,
וואָס ווײַנט אַזוי. איך זע זיך איצט אַליין אין טויטן־קלייד,
און אַלע זע איך אונדז אין קברים בלויז צעזייט, צעשפּרייט.
און ווײַטער, ווײַטער זע איך גיין אַ רויִקן, דעם טויט.
און אויף זײַן אַקסל גלאַנצט זײַן סערפּ, אַזוי ווי אָוונט־רויט,
אַזוי ווי אָוונט־רויט. —
אַזוי ווי גאָלד. —
אַזוי ווי בלוט. —

ניו־יאָרק, 1915

משה נאַדיר

צינד אָן אַ ליכט

צינד אָן אַ ליכט און שפּייז דעם קנויט
מיט הייסע טרערן.
און לאָז דער טרערן-קוואַל ביי דיר
נישט טרוקן ווערן...

צינד אָן אַ ליכט! און ציטריק זאָל
דער פלאַם זיך נייגן:
און ציטריק-שטיל זאָל אויך דיין קאָפּ
צו דר׳ערד זיך נייגן.

צינד אָן אַ ליכט צום גרויסן מת
און זאָג אַ תפילה:
און זיין זאָל דיין געבעט צו גאָט
פון טרערן שטילע...

און זיין זאָל דיין געבעט צו גאָט
פון רייד — וואָס שטומען:
דער רייכער רויזן-גאָרטן דאַרף
קיין ליפּן-בלומען...

צינד אָן אַ ליכט! און שפּייז דעם קנויט
מיט הייסע טרערן:
און לעש דאָס ליכט — לאָז אויך דיין אויג
פאַרלאָשן ווערן...

אַפּריל 1915

יעקב אַדלער

אייביק בלייבן איינגעקריצט

ווייט, גאַנץ ווייט פון אונדז, אבלים,
אויף אַ שטילן טויטן־פעלד
רוט דער מענטש און דיכטער פּרץ,
רוט דער גרויסער גייסטעס־העלד.

רוט דאָס שטערבלעכע פון קינסטלער
פון דעם דענקער און פּאָעט —
אייביק לויכטן, אייביק לעבן,
ווערט די זעלע פון פּראָפעט.

אין דעם דערגרייך פון דענקען
איז אַ מושל ער געווען.
טויזנט זונען, טויזנט בלומען
האָט איר אין זיין וואָרט געזען.

איצט — פאַרלאָשן דער נר־תמיד,
טויט דער גרויסער מענטש און ייד.
ס'גאָלדן האַרץ איז שטיל געבליבן,
ס'גאָלדן האַרץ — האָט אָפּגעבליט.

ס'האָט דער טויט אים צוגעשלאָסן
ס'אויג וואָס האָט פאַר אונדז געבליצט —
אין דעם פאָלקס זכרון וועט ער
אייביק בלייבן איינגעקריצט.

ניו־יאָרק, 1915

י. ל. פרץ

ווי אַ וווּנדער-ליד, ווי אַ פליימן-שטים,
ווי אַ האַרפן-קלאַנג, האָט צעקלונגען זיך
אין די הימלען ווייט, אין די הימלען הויך
דעם באַשעפערס קול צו מלאכימלעך:
„אונדזער פּרץ קומט! אונדזער פּרץ קומט!"

און אין זונען-גלאַנץ, און אין שטראַלן-גלאַנץ,
אויף אַ וואָלקנדל, ווי אַ ליליע ווייס,
קומט צו פלאַטערן יונג און שיינענדיק
יונג און שטראַלנדיק, ווי אַ פייער-זייל,
אונדזער פּרץ גלייך צו דעם שכינה-קוואַל.

נעמט דער בורא באַלד מיט אַ פרייד אים אויף
און צעקושט זיך היים מיט זיין ליבן גאַסט.
און דעם בוראס קוש קלינגט אין הימל אָפּ
און צעגיסט זיך דאָרט ווי אַ רויזן-דופט
ווי אַ בשמים-הויך.

ווי אַ פליימן-שטים, ווי אַ האַרפן-קלאַנג,
רופט דער בורא אוים: „הערט, מלאכימלעך!
זעצט זיך אַלע אוים אויף די וואָלקנדלעך,
אויף די גילדענע, אויף די פורפורנע,
וואָס זיי הענגען דאָרט איבער מערב-זייט.

איך וועל לייענען אייך היינט אַ מעשהלע,
אַ פאָלקס-מעשהלע, וואָס געשפּונען האָט
אָט-דער גרויסער מענטש, אָט-דער שיינער גייסט.
פון זיין טיפן האַרץ, פון זיין ליבער זעל,
ווי אַ העלער בליץ, ווי אַ דימענט ריין"...

און מיט געטער־שטאָלץ האָט געלעזן גאָט
פאַר די כרובימלעך און מלאכימלעך
אונדזער פּרצעס וווּנדער־מעשהלעך,
און אַ יעדעס וואָרט האָט געפּערלט זיך
און געגאָסן זיך ווי אַ רויזן־דופט.

און געזעסן איז אונדזער פּרץ דאָרט,
און די אויגן פול ליבע שמייכעלעך.
און די כרובימלעך און מלאכימלעך
האָבן צוגעפּאַטשט מיט די פליגעלעך
און געבעטן נאָך, און געבעטן נאָך...

1915

עוזיאל פליישמאַן

דער לייב איז געפאַלן

שאַ, שטיל, איר מקוננים!
אוי, רעדט היינט קיין סך נישט.
און ווילט איר נאָך שוינען אים —
דערציילט מיר קיין שבח נישט!

צי רופט איר אים לערער,
צי נביא, — צי **בײדע,** —
דאָס מאַכט אונדז נאָך שווערער
די גרויסע אבידה.

אָן רוישן, אָן שאַלן,
וויינט שטיל, מיט דרך־ארץ:
דער לייב איז געפאַלן —
געשטאָרבן איז — פּרץ!

1915

ה. רויזענבלאַט

ביים קבר פון י. ל. פרץ

שטילער... שטילער... אין זיין כישוף
איז דאָס ליד זיינס אויסגעגאַנגען.
ביי די וואַסערן פון בבל
האָט דער אַלטער, גרויער אבל
נאָך איין האַרפּע אויפגעהאַנגען...

אונטער יענער טרויער-ווערבע
אין אבלות זיצט ער ווידער,
און דאָס האַרץ זיינס זיפצט פאַרביטערט.
פון זיין זיפץ די ווערבע ציטערט,
און די האַרפּע קלינגט מיט לידער.

האָ, די אַלטע כישוף-לידער!
און די טענער — פול בטחון,
אויף זיין אָבל-קאָפּ, זיך גיסן —
איז דאָס האַרץ אָבער צעריסן:
דאָס געמיט, פון צער צעבראָכן...

1915

יצחק לייבוש פרץ

— און גאָט האָט אויף די ליפּן פון דעם קינד אַרויפגעלייגט
זיין ווייסן פינגער פאַר אַ צייכן:
— געניג געוויינט! דו וועסט די שטערן, וואָס דו זעסט
אין הימל, קיין מאָל נישט דערגרייכן.

דאָס קינד, אין וויגל, וויינט. און גאָט דער האַר געגענט
צום קינד זיין פאָטערלעכן פּנים:
— איך האָב בכיוון אויסגעשפּרייט די שטערן אין אין־סוף —
רמזים, צייכנס און סימנים,

פאַר די, פאַרכישופטע פון דעם רחבות אויפן ים;
פאַר די מיט אָדלער־דרייסטע ראיות —
דען לויט די ווייטע שטערן שטעלן זיי די זעגלען אָן
אויף זייערע באַשטימטע ים־נסיעות...

איטלעכער שטערן, וואָס דו זעסט, אין רוים, ביי נאַכט —
אַ צייכן איז: אַ סודותדיקער רמז.
דען דאָס, וואָס דו דערגרייכסט — איז טרויער און פאַרגייט...
דאָס אָנען, און דער חלום בלויז איז אמת.

דאָס קינד פאַרשליסט די אייגעלעך, און דרימלט־איין,
און גאָט פאַרצייכנט אין זיין רייסטער:
דער נאָמען דיינער זיין זאָל — **יצחק לייבוש פרץ:**
אַ נביא, אַ מקונן און אַ טרייסטער.

לאָס־אַנדזשעלעס, 1952

י. ב. ביילין

נישטאָ פּרץ

בלייב שטיל מיין האַרץ, האַלט איין דיין טיק,
און דו, מיין דופק, זיך נישט ריר!
אַ דונער האָט פון וואָלקן־דיק
אַ קראַך געטאָן אין אונדזער טיר.

אַ קראַך געטאָן און אויסגעלאָשן
אונדזער העלן, שיינעם ליכט,
און פאַרשטומט דאָס העלעך לשון
פונעם בליציקן געדיכט.

נישט בלאָז טראָמפּייט, נישט ריים די סטרונעס!
און הייב נישט אויף קיין ווילד געשריי,
ווייל אַלע קלאָג־לידער און קינות
וועלן נישט אויסדריקן דעם ווי —

פון אַ פאָלק, וואָס האָט פאַרלאָרן
קרוין און מלכות־קאָפּ צוזאַמען
און פאַרחתמעט אין אַן אָרון
פּרצס בליצן, פּרצס פלאַמען...

פון דער טיף־געריכטער לירע,
וואָס פאַרלאָרן האָט איר האַר;
נישטאָ די אָבערטורע,
וואָס זאָל אויסדריקן איר צער...

ניו־יאָרק, 1915

דוד בערגעלסאָן

י. ל. פּרץ, ז״ל

...און ריזיק איז געווען אָט דער שיינער מענטשן־לייב. ער האָט געהאַט אין זיך זודיק בלוט. קיינער קאָן נישט זאָגן, ווער איז אין אים געווען שטאַרקער: קלוגער דעמאָן, צי גאָט. פון גרויס גליק און רייכקייט, וואָס טיף אין אים, האָט ער געוויס אַמאָל אין מיטן דער נאַכט געקאָנט געווען אויפשפּרינגען פון זיין געלעגער און צופאַלן צו די ווייסע בלעטלעך, וואָס ביי אים אויפן שרייב־טיש. נאָר ווער ווייס, וואָס ער האָט געטראַכט אין אַ צווייטער נאַכט, ווען אים האָט דער שלאָף נישט גענומען? ווער קאָן זאָגן אויף קלאָר, אין וואָס זענען באַשטאַנען זיינע ספקות, אויב ער אַליין האָט זיי אויסגעבאַהאַלטן און האָט ווי מיט אַ כיוון פאַרוואָרפן צו זיי דעם שליסל... און אונדז זענען זיי דאָך אַזוי טייער, די ספקות זיינע, ווייל קיינער קאָן דאָך נישט אָפּלייקענען, אַז פּרץ צוזאַמען מיט זיינע ספקות און האָפענונגען איז מער ווי אַלעמענס געווען אונדזערי־קער — דער יידישער יוגנטס. זיין „פאַרשפּעטיקטע רויז״ האָט תמיד דערוועקט אין אונדז נישט מער, ווי אַ גרינג סענטימענטאַל־געפיל. אָבער גאָר אַנדערש, מאָדנע שטאַרק און טיף איז געווען דאָס געפיל, וואָס אין אונדז האָט אַרויסגערופן פּרץ אַליין — די רויז, וואָס האָט אַרויסגעשפּראָצט און אויפגעבליט פאַר דער צייט. דער קלוגער און ליבער פּרץ־קאָפּ, אָט דער, וואָס איז שטענדיק שיכור געוואָרן פון זיינע אייגענע געדאַנקען, איז שטענדיק געווען אַרויסגעשטעקט העכער ווי אַלע קעפּ פון די, וואָס האָבן צוזאַמען מיט אים געלעבט און געשאַפן. די קלוגע פּרץ־אויגן האָבן דאָן פאַר אונדז, יונגע, שטענדיק געהאַט אַזאַ מין שמייכל, וואָס איז געווען דער טייטש: — קוקט, זיי זענען אַלע אַלט, די, וואָס רינגלען מיך אַרום. אויפן ערן־וואָרט: כ׳בין נישט שולדיק, וואָס איך בין געבוירן מיט גאַנצע פינף און דרייסיק יאָר פריער, ווי כ׳האָב באַדאַרפט...

קיעוו, 1915.

י. צינבערג

צום יאָרצייט

ער האָט צו גאָט אַזוי געבעטן:

מיין גאָט, דו גאָט פון ליכט און שיינקייט! ווען דו וועסט פון דער וועלט מיך רופן — איך בין גרייט, און פאַר ליב וועל איך דיין גזר אָננעמען! איך בעט נאָר איינס ביי דיר — אַ שיינעם טויט גיב מיר! איך וויל, מיין וועלט זאָל שטיל פאַרגיין, ווי אַ ליכטיקער שיינער טאָג פאַרגייט: מיטן געזאַנג פון נאַכטיגאַל, מיטן ליבע-געזאַנג, וואָס צווישן די צווייגן שאַלט, און זאַנפט און שטיל דרעמלט איין דער בוים און טרוימט רויִק-זיס, איינגעהילט אין זיין פאַרבן-פּראַכט...!

(י. ל. פּרץ: „תפילה")

נישט אָנגענומען איז זיין תפילה געוואָרן. אַ דיכטער איז ער געווען, אַ גרויסער דיכטער פון אַ פאַרוואָגלט פאָלק, פון אַ פאָלק אַ נע-ונדניק, וואָס איז דער שטענדיקער שעיר המשתלח פאַר פרעמדע זינד, פאַר פרעמדן שקר. און אַז עס איז געקומען דער גרויסער יום-הדין, און דער בלוטיקער וועלט-משפט האָט זיך אָנגעהויבן, האָט מען דעם דיכטערס פאָלק, דעם אייביקן עדות פון אַלע גרויסע וועלט-קאַטאַסטראָפעס, דערלאַנגט דעם שרעקלעכן בעכער, וואָס איז ביז איבערן אויג געפילט געווען מיט גיפטיקער שנאה, מיט שפּאָט און מיט שאַנד...

און פאַרטומלט איז דאָס פאָלק פון דעם בעכער געוואָרן, און אין דעם גרויסן פנקס פון אייביקן פאָלק האָט זיך אַ בלאַט געעפנט, דורך און דורך באַפלעקט מיט בלוט, מיט גאַל און מיט שמוץ.

און דער דיכטער, וואָס האָט אין זיין אומרויִקן שטרעבן צו זיין העכסטער מדרגה דערגרייכט, דער דיכטער, וואָס האָט דעם פאָלקס-קוואַל פון אייביקן לעבן אַנטפּלעקט און אונדז די געטלעכע לידער אָן ווערטער פון זיינע „שטומע נשמות" געלאָזט הערן —

דער האָט געמוזט ביים אָפּענעם פּנקס פאַר אַ שומר שטיין, און דאָס שוידערלעכע בלאַט מיט אייגענע אויגן באַטראַכטן... מען האָט דעם דיכטער אין דעם שרעקלעכן קהל־שטיבל פאַרשפּאַרט, אין דעם קהל־שטיבל פון דער קנעכטישער וואַרשעווער גמינע, און מען האָט פאַר זיין פּענצטער דאָס גרויסע אומגליק, די מאַוימדיקע פאָלקס־טראַגעדיע מיט אַלע פּרטים באַוויזן...

און דעם דיכטערס האַרץ האָט געבראָכן, דעם דיכטערס אויג האָט זיך אויף אייביק פאַרשלאָסן.

נאָר דעם פאָלקס־קוואַל, וואָס דער דיכטער האָט פאַר אונדז אַנטפּלעקט — האָבן מיר מיט זיך גענומען און אין אונדזער האַרץ פאַרשלאָסן... און ווען מיר דערפילן אויף אונדזער שווערן ליידנס־וועג, אַז אונדזערע כוחות ווערן שוואַכער, און דער קאַלטער יאוש וויל אונדז די נשמה פאַרסמען — דעמאָלט פאַלן מיר צו מיט די פאַר־שמאַכטע ליפּן צום דיכטערס קוואַל, און אויפגעמונטערט גייען מיר ווייטער, און הויך און ווייט לאָזט זיך אונדזער ברכה הערן:

געבענטשט זאָל זיין דעם דיכטערס ירושה!...

פּעטראָגראַד, 1916

קדיש

און איך שטעל זיך פֿאַר:

מיט טלית און תכריכים, ווי מ׳איז זיך נוהג, און מ׳באַגראָבט, און אַ מת גלייך מיט אַלע, איז ער פֿאַרן כסא־הכבוד געקומען, אַ מידער און צעבראָכענער אַנידערגעפֿאַלן און אַרויסגעזאָגט:

— שטראָף מיך, גאָט!

...אויף מיין פֿענצטער האָט אַ פֿייגעלע אַ נעסט זיך געמאַכט; אַלע פֿרימאָרגן, ווען איך פֿלעג אויפֿשטיין, פֿלעג איך עס ביים נעסטעלע אויפֿן שוועלעכל דערזען, האָט עס ביי זיך צווישן די פֿעדערלעך געפּיקט, זיך געוואַשן און „אלהי נשמה״ געזאָגט:

— גאָט, — האָט עס געזאָגט, — די נשמה, וואָס דו האָסט אין מיר אַריינגעגעבן — אַ ריינע איז זי, דו האָסט זי באַשאַפֿן, דו האָסט אין איר פֿייגל־אָטעם אַריינגעבלאָזן און אויף וועלט און שפּייזן־זיך, אַרויסגעלאָזט, — דאַנק איך דיר, ליבער גאָט מיינער, פֿאַר דיין געשאַנק און דיין פֿרימאָרגן, פֿאַר מיר און אַל־דעם מין מיינעם, און פֿאַר אַלע פֿויגלען און געפֿליגלטע...

האָב איך, גאָט, אָט דעם פֿייגעלעס פֿרימאָרגן־געבעט געהערט און איך האָב אויף אייביק דיין „סידור״ פֿאַרבויגן, האָב נישט אין דער פֿרי און נישט אויף דער נאַכט קיין קריאת־שמע נישט געלייענט, אויף זיך דיין עול מלכות־שמים נישט גענומען, ווייל כ׳האָב זיך געטראַכט: דו ביסט דאָך גוט און אויסדערוויילט, וועסט מיך אַלע פֿרימאָרגן אין איינעם מיט די פֿייגעלעך אויסהערן, דיין אויער אויך צו מיין תפילה צולייגן, און איך וועל דיר פֿון נאַכט און נעכטן דערציילן, וואָס איז מיט מיר געשען און פֿאַרגעקומען, וואָס איך האָב געטאָן און אָפּגעטאָן, אין מיין גערן און אומגערן, אין מיין שולד און

---

* צום צווייטן יאָרצייט פֿון י. ל. פּרץ.

אומשולד, און דו וועסט מיר פֿאַרגעבן, ווייטער אויף פרימאָרגנס און אויף געבעטן מיך לאָזן און מיך באַווייקן און אַזוי, אַזוי ווי פֿויגלען.

האָב איך פֿון קיין עול און פֿון קיין פֿאַרבאָט נישט געוווּסט, בין איך פֿריי און אויפֿגעבונדן געווען, בין איך אויף חורבות און איינ-פֿאַלונגען געזעסן און פֿון בנינים און שלעסער געטרוימט, בין איך אויף אַלטע מאַרקן אין די בייננאַכטן אומגעגאַן און פֿון פֿאַרטאָגן און האָריזאָנטן געטראַכט, האָב איך נישט איין מאָל מענטשנס רוען געשטערט און מיט שטיינער אין נאַכט-לאָדנס געטראָפֿן, האָב איך נישט איין מאָל לצים און מחבלים אַרויסגערופֿן, אום די עדה און די אַלט-געזעסענע צו שרעקן, האָב איך לסוף פֿון אַלטס און עלטער זיך אָפּגעזאָגט און קעגן געשריבענעם און מסורה דעם ערשטן שטיין ווייטער אויף אַ טורעם צום הימל פֿאַרלייגט אויף אַרויף אַהין און הערשן דאָרט, אויף הימל און אויף מלחמה מיטן הימל און אויף אַלץ, וואָס דאָרט געפֿינט זיך, — האָב איך דאָס אַלץ געטאָן, בין איך זיך מודה ומתודה, ווייל... כ'האָב זיך געטראַכט: דו ביסט דאָך גאָט און גרויס, וועסטו דאָך מיר נישט רעכענען, וועסטו מיך באַווייקן, וועסטו אונדז לסוף פֿון יאָך באַפֿרייען, פֿון אַל'געבאָטן און פֿאַרבאָטן, וועסטו מיך פֿריי און ליב האָבן: אויף לעבן און אויף אַלעמען, אויף טאָן און אויף אַלץ טאָן, ווי די פֿויגלען און אויף זינדיקן, און איך וועל ווייטער... זינדיקן.

— שטראָף מיך, גאָט!

קיעוו, 1917

יואל סלאָנים

יצחק לייבוש פּרץ

כ׳וועל קיין בלומען־קראַנץ דיר נישט ברענגען.
יצחק לייבוש פּרץ —
ווו האָבן מיר דען בלומען?
און נישט מיט לויב־געזאַנגען וועל איך צו דיר קומען,
לויב־געזאַנגען ווערן שנעל פאַרגאַנגען,
פּראַזן שיינע בליאַסקען און פאַרשווינדן;
דאָס איינפאַכע, דאָס האַרציקע, וועט אייביק הערצער צינדן.
איך קאָן דיר זאָגן, יצחק לייבוש פּרץ,
איך האָב פאַר דיר קיין מאָל קיין דרך־ארץ נישט געהאַט.
דרך־ארץ איז ווי זון־שיין בלאַסער, קאַלטער,
ווי די פאַרבן פון אַ האַרבסטלעך־אַלטער גראָער בלאַט.
דרך־ארץ מאַכט אַ מענטשנס האַרץ באַטריבט, —
דיך האָב איך געליבט!

אַ קליין יינגל בין איך דאַן געווען,
ווען איך האָב דיך דעם ערשטן מאָל דערזען:
דיין גרויסער קאָפּ און דיינע טיפע, ברענעדיקע אויגן,
דיין פּנים מיט אַ צווילינג־שיין פון לעבן און פון חלום איבערצויגן.
דיין קלוגן, שאַרפן וואָרט דערהערט,
דיין גרויסע ליבע צו דער וועלט פאַרנומען.
איך בין אַוועק און האָב דערפילט ביי מיר אין יינגל־האַרץ
אַ ליבע — היים צו דיר.
פאַר וואָס, פאַר ווען? דאָס ווייס איך נישט,
וואָס ביסטו דען געווען אין יענער צייט צו מיר?
איך האָב דיך ווייניק וואָס געהאַט געלעזן
און פיל פון דעם האָב נישט פאַרשטאַנען,
דאָך דו, דו ביסט די שכינה מיר געווען.

איך האָב דיין גרויסע זעל געפילט דורך אַנען,
האָסט אומבאַוווּסט פאַרפלאַנצט אין האַרץ מיר בלומען,
כ׳האָב אומבאַוווּסט דיין טיפן גייסט פאַרנומען...

דו ביסט געווען דער מייסטער פון מוזיק,
אין טיף ביי מיר אין האַרץ נאָך פון אַלס קינד,
האָט מיך געברענט פון אַרפּעאום דער בליק,
האָט מיך באַרוישט אַ ווילד־משוגען ווינט פון קלאַנגען און געפיל.
דאָך האָב איך נאָר דערהערט דיין זאַנפטע שטים,
אין יענער נאַכט, אין שווידער, אין דעם טאָל,
ווו סאָסנע־וועלדער אָטעמען שאַרף און קיל,
און פול גייסטער שטיל
גייט אום, גייט אום די בלאָע, שיינע נאַכט,
דאַן האָט ביי מיר זיך פּרעכטיק־ווילד דערוואַכט
דער דיכטער אין מיין זעל.
איך געדענק עס נאָך ווי היינט,
איך בין אַוועק — די לבנה האָט געשיינט —
צו יוזעפאָוו, און העל
האָט זיך דער טייך געשפּילט,
איך האָב געפילט
עס העפטן זיך די קלאַנגען אין מיין ברוסט
האַרמאָניש־שיין,
איך זינג, איך זינג אַליין...

אַ קליינער יינגל בין איך דאַן געווען,
ווען איך האָב דיך דעם ערשטן מאָל דערזען,
אַ יינגל, אויפגעצויגן אויף אַ לאַנגפעלאַ און ברייענט
אַ יינגל פון אַמעריקע, וואָס טיף
אין האַרץ האָט זיך אַן אומעט אין זיינע אויגן געשטעלט,
ווען ס׳האָט די גרויסע, גרויסע שיף
זיך אָפּגערוקט פון סטעטן־איילאַנד ברעג.

כ׳האָב דאָן נישט געטראַכט צו זיין אַ זינגער
אין יידיש, ס׳איז געווען מיר לייכטער, גרינגער
די שפּראַך פון סקול, די שפּראַך, די שפּראַך פון גאָט,
נאָר ס׳האָט ביי מיר פון קינדהייט אָן געברענט
אַ ליבע צו מיין פאָלק און צו מיין שפּראַך,
דעם לשון פון מיין טאַטן און מיין מאַמען,
דעם לשון אין דער שול און אין דער היים.
און האָב איך נאָר דיך, יצחק לייבוש פּרץ,
צום ערשטן מאָל און לעצטן מאָל דערקענט,
דאָן האָסטו אין מיין הארצן שיינע פלאַמען
צעפאָכט און באַפרוכטעט דעם בוים
פון יידישע געזאַנגען אין מיין זעל...

כ׳וועל קיין בלומען-קראַנץ דיר נישט ברענגען,
יצחק לייבוש פּרץ,
ווו האָבן מיר דען בלומען?
דו ביסט געווען דער גאָרטן-האַר פון שיינקייט און פון בלומען,
ווי דיינס, ווו קאָן מען דען באַקומען?
איך וויל נאָר זאָגן דיר,
דו האָסט אין הארץ ביי מיר
אַ קבר-גרויל געלאָזן,
און געלע, וועלקע גראָזן.
מיין זעל, מיין זעל אויף תמיד מיך באַטריבט,
ווייל איך האָב דיך געליבט...

ניו-יאָרק, 1920

מרדכי יאָפּע

עס האָט געלעבט אַ מאַן!

ער האָט געלעבט מיט דער מינוט,
נאָר אין זיין רגע האָט גערוט
דער שטילער ציטער פון געבורט,
די זאַטע שמחה פונעם זמן,
און פון דער אייביקייט — די שיין,
דערפאַר האָט ער זיין שטאָלצן טריט
אויף וועגן ליכטיקע פאַרהיט,
און נישט געהאַט קיין גלייכן וועג,
וואָס פירט מיט שטויבן-זייל צום ברעג.

און זיין פאַרלאַנג? און זיין באַגער?
די שפּיל פון שמייכל און פון טרער,
דער ברייטע עכאָ פון אַ וואַלד,
דער רוף פון האַרץ, וואָס עס שאַלט.
עס האָבן שטענדיק זיך פאַראיינט
די קראַפט און לוסט אַזוי באַחנט.

און האָט געוווּסט ווער פון זיין וועלט? —
ווער ס'האָט זיין פּעדעמל דערוועבט,
דער האָט געוווּסט, ווי ער'ט געלעבט,
דער האָט דערפילט דערנאָך — ווער ס'פעלט.

און הערט: עס האָט געלעבט אַמאָל אַ מאַן,
וואָס האָט זיין גורל זיך געטיילט
מיט אַלע ליידנדע פון נאָענט
מיט אַלע דורשטנדע פון ווייט;

און הערט: אַט דאָס וואָס ער האָט ווען דערזאָגט,
דאָס איז פיל שטילער ווי דער רויש
פון יונגע בלעטלעך, גערירט פון ווינט;
דאָס איז נאָך סודותדיקער-טיף,
ווי אַ פאַרבלאָנדזשעט-פרעמדער בריוו,
וואָס לאָזט זיך עפענען — און זאָגט נישט אויס.

און דאָך: דו גרויסער ווייטער-נאָענטער דור!
אויב דו דערוואַקסן ביסט צום שיינעם וואָר,
געדענק: עס האָט אַ פאָטער-אויג דיך טריי באַגלייט
עס האָט אַ האַנט פאַר דיר דיין אַלץ פאַרגרייט.
ער האָט געזוכט פאַר דיר דיין גליק, ביי דיר אַליין,
ביי דיר אַליין, אַ, גרויסער דור,

פאַר דיר אַליין דער אַלץ און גאָר:
צו לעבן פריי און שטאָלץ און שיין!

אָדעס, 1920

לייב קוויטקאָ

י. ל. פּרץ

רייסט זיך אָפּ פון גרויסן שטורעם
בלוטיק־לעבעדיקן שטורעם,
רייסט זיך אָפּ אַ ווינט. —
לויפט ער, פליט ער, פאַלט ער אין מדבר,
רודערט אויף פון שלאָף די זאַמדן,
ציט זיי, דרייט זיי, וואַרפט זיי, ווירבלט,
און דערהייבט אַ הויך געשטאַלט.
הויך געשטאַלט פון מדבר־זאַמדן
וואַקסט זיך שטאָלץ אַזוי צום הימל,
קוקט און קוקט —
און לאָזט אַראָפּ זיך,
שטילט און שטילט —
און ווערט אַנטשוויגן,
שווייג — אַנטשוויגן —
מדבר־זאַמד.

קוקט דער ווינט און פייניק אָטעמט,
לעבט דער ווינט און ציט אין בענקשאַפט,
גליט און צערטלט מדבר־ווייסן, —
און דערציילט פון שטיל און שטורעם,
און פון בלוטיק־יונגן אומרו,
און פון זוכנדיקע בלינדע,
און פון ווונדער־פאַרביק טאַנצן
פון די רעגנס אויף דער וועלט —
און די מדבר־זאַמדן שלאָפן,
און די מדבר־זאַמדן הערן.

מינסק, 1922

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

י. ל. פרץ

ווייסע פלעמעלעך
פון אַ פייערדיקן עמבריאָן
אין רויך, אין בלוט, און נאָך אין ערד פאַרוויקלט,
ווי יונגע ציגעלעך
פון זייג-קינדער נאָך שטומינקע
לעקן זיך צו צו זיינע פיס
מיט אַ פיפס-פיפס
פון „כ׳וואַקס״.
און ביידע הענט,
ווי סלופּעס צוויי,
האַלטן הויך אַ שווערן פאַרהאַנג
פון אַלטן זייד
מיט שווערן קנייטש
מיט פרענדזעלעך
פון שנירלעך באָבעס פערל,
און ס׳שיינט פון אונטער אים
אין רויטן פוך
פון שקיעהדיקן יום-טוב
אַ טויבן-ווייסער פּאַטער-שאַל
מיט טרעפּ פון שבתדיקע טעג.
און קאַראַהאָדן וויגן זיך דאָרט
און פנימער צעפלאַמטע בייגן זיך אַראָפּ
און הענט און הענט
צום ווייסן פּאַטער-שטול געווענדט,
זוכן דעם וווּנדער-שטיין
אין שטויב פון טראָט,
אין הויך פון קול,

אין גלאַנץ פון וועג
און קלייבן ברעקלעך פון דר'ערד
און ציען פון זיי שטעג...
און ביי די פיס פון ווייסע פלעמעלעך
לעקן זיך צו מיט אַ פּיפּס־פּיפּס
פון „כ'וואַקס".

מינסק, 1922

זעליק אַקסעלראָד

פּרצן

שטענדיק דער ייִנגסטער...

בעל מחשבות

צעשאָטן האָט זיך פלינק אויף דער ערד אַ שטערן־וועלט.
אין אויגן־פינקלדיקע קלייבט מענטש מיט הייסן טראָט.
דאָס ערשטע יוגנט־האַרץ אין „שיר השירים״־טרוים געהילט,
געבראַכט האָט עמעץ פאַר זינגענדיקער שטאָט...

אַ העלער יום־טוב־שפּילנדיקער טאָג,
פאַרוואַרפט צום מזרח הויך זיין בלויען טרוימען־קאָפּ
און קוקט ווי פורפור־קאַנטן צייכנט קינד אויף אויפגאַנג־וואָג,
ווו ר׳וועגט מיט זוניק־קושן, נשמות יום־טובדיק אָפּ...

מינסק, 1922

אַבֿרהם רייזען

אָן אַ סוף

ס'איז געווען אַ גראָער מאָרגן
נאָך אַ נאַכט אַ שווערער:
וואָלקנס האָבן זיך געזאַמלט
מערער אַלץ און מערער.

פרי איז ער דאָן אויפגעשטאַנען,
ווי ס'וואָלט ווער אים טרייבן,
און אַ מעשהלע פאַר קינדער
אָנגעהויבן שרייבן.

פאַר די קינדער אָן די היימען,
וואָס ער פלעגט זיי ליבן:
פאַר די קינדער, וואָס מ'האָט זיי
אין דער פרעמד פאַרטריבן.

וועלכע בילדער האָבן געשוועבט דאָן
פלינק פאַר זיינע אויגן?
איז אַ טויב אַ ווייסע דעמאָלט
פאַר אים דורכגעפלויגן?

האָט ער עפּעס זיי אַנטדעקן
דעמאָלט זיך געקליבן?
ביי די ערשטע צוויי-דריי ווערטער
איז ער שטיל געבליבן.

האָט ער דערהערט עס רופן, רופן,
פון דער ווייט געזאַנגען?

אויף זיין פעדער איז אַ טראָפּן
טינט פאַרשטומט געהאַנגען...

איז נאָך פריצייטיק געוועזן,
וואָס ער האָט פאַרנומען?
האָט ער נישט געטאָרט דערציילן,
וואָס עס וועט נאָך קומען?

אָך, ווי וואָלטן מיר איצט וועלן,
אין דער צייט פון שרעקן,
דאָס וואָס ער האָט מיטגענומען,
קאָנען דאָ אַנטדעקן.

האָט געזען אַ באַרג אַ הויכן,
ווו די נביאים שטייַגן,
און די וועלכע בלייבן אונטן
שטייען שטיל און שווייגן?

האָט זיך אליהו הנביא
פאַר אים דורכגעטראָגן,
ווי ער קומט אַראָפּ אַהערצו —
אויף אַ פייער-וואָגן?

אָדער האָט ער דאַן געהערט שוין
משיחס שופר שאַלן,
און דערהויכט ווערט יעדער, וועלכער
איז געווען געפאַלן?

און עס זאַמלען זיך די אַלע —
אין עק וועלט פאַרטריבן
— — — — — — — — — —
ביי די ערשטע צוויי-דריי ווערטער,
איז ער שטיל געבליבן...

כ׳געדענק דעם פרימאָרגן...

דער אָנהייב

כ׳געדענק דעם פרימאָרגן —
די פרייד אַזוי טיף,
ווען איך האָב באַקומען
פון פּרץ אַ בריוו.

דער ערשטער, אַן ענטפער
אויף לידער געשיקט;
די אותיות — זיי לויכטן,
דער בריוו ער באַגליקט!

אַ פרייד אַזוי זעלטן —
צוריק דאָך גערעדט:
געבויט אַליין וועלטן,
געטרוימט פרי און שפּעט...

קליין שטיבעלע אונדזערס —
כ׳וואָלט איצט זי דערקענט!
דער באַלקן, דער אויוון, —
די ווייסע פיר ווענט;

אין מיטן אין שטיבל —
אַן אַלמער — אַ שאַנק;
קריגט שטוב שוין אַ קאַמער —
דעם אַלמער אַ דאַנק.

דער אַלמער — פּאַר קליידער
און אויבן — וואָס ניט! —
דער עיקר די ספרים,
וואָס מ׳האָט אָפּגעהיט.

דער עיקר די ביכלעך
דעם טאַטן געהערט.
פון אַד״ם הכהן —
ווער האָט ניט געהערט;

און פון מיכה יוסף
דעם אַדמס אַ זון;
וואָס יונג איז פאַרגאַנגען —
אַ גלִיענדע זון...

וואָס יונג האָט געשידן,
ווי בלום אין איר ציר;
און אד״ם דער פאָטער,
באַזינגט אים אין שיר.

דערצו — אַ תנ״כל
און שטענדיק ווי ניי;
מיין טאַטע ער לעזט אים,
ווען נאָר ער איז פריי

פון מאַרק און פון האַנדל,
פון קויף און פאַרקויף —
צעשפּרייט ער די פליגלען —
זיין יוגנט וואַכט־אויף.

און אויבן, דער מאַמעס
אַ ספר גאָר הויך;
דער „טייטש-חומש" — אירער
און הייליק איז אויך.

און איר קרבן-מנחה,
מיט כלערליי גוטס:
מיט תהילים, מעמדות —
אַ פרייד און אַ שוץ...

און אַלץ איז פאַרטייטשט דאָרט,
דו לייי'נסט און פאַרשטייסט;
עס איז אי אַ נחת,
עס איז אי אַ טרייסט...

נאָר איך, נאָך אַ יינגל,
איך האָב נישט געהאַט
אויף אַלמער, אויף יענעם
קיין אייגענעם בלאַט...

און טאָמער אַ ביכל —
איז בלויז אויף „פּראָקאַט":
גענומען, אַנטליִען,
בשתיקה כמעט...

בפרט נאָך אויף יידיש,
וואָס ס'הייסט דאָן זשאַרגאָן,
דער טאַטע דערלויבט נישט —
און וואָס זאָל זון טאָן...

אליין ער, ס׳געדענקט זיך
די שיינקייט פון פריר:
ער שרייבט אויף העברעיש —
דער עיקר אין שיר...

א שיר א געשריבנס
אויך מיר ער באווייזט;
פאר איר, פאר דער מאמען,
זיין שיר ער פארטייטשט...

אוודאי — העברעיש,
נאר מיך אבער ציט,
צו שרייבן, צו זינגען
אין יידיש א ליד...

א ליד, ווי גאלדפאדן,
און שפעטער — ווי פרוג;
איך האב שוין אלס יינגל
געלייענט גענוג.

איך שרייב אויך בשתיקה —
דער טאטע ער וויל,
כ׳זאל לערנען זיך שפראכן —
זשארגאן איז קיין ציל...

עס טרעפט דאך, ער אויכעט
ער שרייבט אן א ליד
אין יידיש, אזוי־זיך,
אין גוטן געמיט...

דאָס האָט ער פאַרטראַכט זיך
אַ „שבת צו נאַכט”
און האָט אַ „המבדיל”
אין יידיש באַטראַכט...

ער לייענט דער מאַמען —
זי פרייט זיך און שיינט;
די קינדער זיי קענען
דאָס לידל נאָך היינט...

און שפּעטער שוין, אַגב,
צום פאָלק עס געבראַכט —
דאָס לידעלע יענע —
פון שבת צו נאַכט;

פון יענעם „המבדיל
בין קודש לחול” —
אַ ליד, וואָס איז טייער
אַ ליד, וואָס איז וויל...

נאָר מיר איז פאַרבאָטן
געוועזן נאָך דאַן:
די לידער צו שרייבן —
ס׳מעג דערוואַקסענער מאַן...

כ׳וויל האָרכן אַ טאַטן,
דאָך גיי איך מיין וועג;
כ׳שרייב יידישע לידער,
אין ייִנגלשע טעג...

און איין מאָל דערזע איך,
ווי בליץ טוט אַ בלענד —
אַ ליכטיקן נאָמען,
וואָס כ׳האָב שוין געקענט...

אין „צפירה״ געליייענט
אַ „סיפור״ פון אים,
און אויך פון זיין „מאָניש״
געהערט שוין די שטים.

און דאָ, ווי פּאַסירן
עס וואָלט שוין אַ נס —
איך זע, ווו ער וווינט שוין
און אויך זיין אַדרעס...

ער גרייט זיך צו דרוקן
אַ זאַמלבוך באַלד;
איך הער, ווי ס׳צעזינגט זיך
אַ פויגל אין וואַלד...

אין ווינטער אין מיטן —
עס ליגט נאָך דער שניי;
איך פיל אָבער זומער
ס׳פאַרגייט אויך מיין ווײ...

בשתיקה פון טאַטן —
אין אָוונט אַליין,
שטיל איבערגעשריבן
די לידער אויף ריין...

געקליבן, געשריבן
פאַר אַ לעמפּעלעם ליכט;
געצירט אי די אותיות,
דעם „אינהאַלט" פאַרריכט...

דאָס ליד וועגן „חלום",
דאָס ליד וועגן מאַרק,
דאָס ליד, ווי איך קלאָג מיך
אויף אָרעמקייט שטאַרק...

דאָס ליד וועגן מיידל,
וואָס האָט קיין נדן.
און ווי פון דעם רייכן
ליידט דער אָרעמאַן...

און וועגן אַ ווינט אויך
וואָס שרעקט מיט זיין ברום,
און וועגן אַ יידן,
וואָס האַנדלט אַרום...

געשריבן, געקליבן
ביז עפּעס שוין ווערט;
אַזוי אַ צאָל לידער —
אַ פולער קאָנווערט...

דאָס בריוול צו פּרץ —
ווי תפילה — נאָך מער!
דער טיטל — אַ הויכער —
דאָך העכער איז ער!

אליין זיין „מודעה"
האָט ליכטיק געגלאַנצט
אין בלאַט אין „הצפירה" —
די אותיות — געטאַנצט...

געפילט שוין דעם נייעם,
און ליכטיקן גאַנג;
זיין וואָרט איז אַ בשורה,
זיין רוף איז געזאַנג...

געוואָרט אויף אַ תשובה
געמיינט: ס'קומט ערשט ווען;
בלויז פיר טעג פאַרגאַנגען. —
דער נס איז געשען!

בלויז פיר טעג פאַרגאַנגען,
דער ענטפער איז דאָ;
מיין האַרץ האָט געטראָפן
אין גליקלעכער שעה...

אַך, ער איז אַ גוטער
און שרייבט ווי אין פלאַם,
און טרייסט, ווען אַ שורה
„ניט ריכטיק דער גראַם"...

און „שיקט עפּעס אַנדערש
עס קומט דער דערפאָלג;
מיר ווילן טאַלאַנטן
אַנטוויקלען אין פאָלק"...

דאָס יינגל דערפרייט זיך
מיט ליכטיקן בריוו
ער פרייט זיך און גרייט זיך
צו שאַפן וואָס טיף...

און גאָט האָט געהאָלפן —
ער שיקט לידער נאָך,
אָן ענטפער באַקומען
די אַנדערע וואָך...

דאָס האַרץ איז פאַרציטערט
ער לייענט און קוקט:
דיין ליד „ווען פאַרביטערט"
ווערט זיין אָפּגעדרוקט...

„די איבעריקע דרוקן
זיי קאָנען מיר נישט:
איר דאַרפט זיך נאָך לערנען,
מיט קלאַנג זיין געהיט"...

דאָס יינגל דערפרייט זיך,
אין ווייט טוט אַ רים:
„ווען ס'לעבן פאַרביטערט" —
איז ס'ליד דעמאָלט זים...

„ווען ס'לעבן פאַרביטערט"
דער אָנהייב — ווער ווייסט? —
ווען ליד אין האַרץ ציטערט —
ווערט ליד זיין אַ טרייסט...

איז ליכטיק געוואָרן
דער אָרעמער היינט,
די זון דורך די פענצטער —
האָט ליבלעך געשיינט...

עס פרייט זיך דער טאַטע
מיט גדולה פון זון;
עס שיקט נאָך מער שטראַלן
דורך פענצטער די זון...

ער האָט ווי פאַרטראַכט זיך:
צו וואָס דען געשטערט?
מען זעט דאָך שוין טאַקע
אַזוי איז באַשערט...

און האָט אין די כוחות
פון זון שוין געגלויבט;
זיין שיר מיר געלייענט —
דער זון האָט געלויבט.

פון אָרעמען לעבן,
פון שלום, וואָס קומט;
דאָס ליד האָט מיט אַנזאָג
צעשאַלט זיך, צעברומט...

בית־פּרץ

ס'איז אין לאַנד געווען
נאָך קיין פרייהייט דאַן,
קום איך אַן קיין ווארשע —
ווי צום קאַמף אַ מאַן.

מיט אַ העפט מיט לידער
וואָס איך טראָג מיט זיך,
און מיט בליק אין ווייטן
און מיט גאַנג אין גיך.

ערשטער גאַנג צו פּרץ,
ס'האָט אין מיר געפלאַמט
דאָס באַגער צו זען אים —
ווי געהאַט זיין אמת.

דאַכט זיך מיר אַ פּאַלאַץ
איז די גמינע גאָר —
ברייטע מאַרמאָר־שטיגן —
ווען־זשע קומט ער נאָר...

זאָגן מיר די „מענטשן" —
רעדן איידל, פיין,
אַז „פאַן"־פּרץ קומען
וועט ערשט זייגער ניין...

איך האָב זיך געפּעדערט
פריער מיט אַ שעה;
קוים געקאַנט דערוואַרטן —
קיין געדולד נישטאַ...

איז ער אָנגעקומען,
כ'האָב אים גלייך דערקענט,
און זיין שטראַליק פּנים —
שוין צו מיר געווענדט...

און איך שטעל זיך פּאָר באַלד,
ווי אַ פּראָווינציאַל.
לייכט נאָך מער זיין פּנים,
ער אַליין — אַ שטראַל...

רופט ער מיך ביים נאָמען
פריינדלעך קאָלעגיאַל,
און איך ווער באַלויכטן
שוין אַליין פון שטראַל...

ער באַגריסט מיין קומען...
„אַרבעט דאָ גענוג,
איצט איז ער פאַרנומען" —
און ער שמייכלט קלוג...

„דאָ איז דאָך די גמינע,
דאָ איז ער אין אַמט";
און מיר דאַכט די שכינה
אין זיין מינע פלאַמט...

„קומט צו מיר אין ווינונג
היינט אַ זייגער דריי;
דאָ איז ער אויף לוינונג —
אין דער היים בלויז פריי"...

די שבתים

צייט געווען אַ כמורנע —
ווו איך גיי פאַרביי —
אין מיין וווינונגס־סביבה —
פאַוויאַק קוקט דערביי...

און אַ ביסל ווייטער —
גלאָצט דער ציטאַדעל, —
(דאָרטן פלעגן זיצן
„די וואָס טראַכטן העל...")

און אויך די וואָס זענען
אויף דער פריי, ווי ס'הייסט —
זענען אונטערערדיש —
דאָס איז שוין די טרייסט...

און ווען דו באַזוכסט זיי —
האָסט אויך איינגעשטעלט;
אָבער — שפּעטער קומסטו
אין דער קינסטלער־וועלט...

ס'פירט דאָס וואָרט דאָרט פּרץ,
ס'פירט דאָס שיינע־וואָרט,
ס'איז פון קונסט די מלוכה,
און אויך דו ביסט דאָרט...

די דערוואַרטע פרייהייט
און די ליבע שעה —
אויף דער גאַס צעגלאַנע —
איז זי שוין דאָך דאָ...

דאָ אין פּרץ־וווינונג —
אויף צעגלאַנע איינס —
לייכטן זיינע אויגן
מיט אַ ליכט אַ ריינס...

זיינע ברייטע וואָנסעם
פון אַ „כראַביע” גראָד;
האָט ער אָבער אויגן —
שטראַלן זיי מיט גנאָד...

אין דעם לאַנד דעם פרייען,
אין שבתים טעג;
ווערט פאַרגעסן פאַוויאַק —
ציט זיך נייער וועג...

אַפּריל, 1945

די שבתים ביי פרצן

ווי איצט געדענק איך יענע גאַס,
ווו פרץ האָט געוווינט;
עס איז געווען אַ גאַנג דורך רעש,
דאָך האָט דער גאַנג באַלוינט.

איך זע דעם הויף, די טרעפּ, די טיר,
איך זע די וווּנדער — גרויס;
איך זע זיי איצט און ס'וואַקסט פאַר מיר
אין נייער שיינקייט אויס.

מען גייט אַריין נישט דרייסט און שטיל —
נאָך נישט געווען באַקאַנט;
נאָר קוים באַגעגנט האָט זיין בליק,
ביסטו אין אייגן לאַנד.

בפרט, אַז נישט מיט ליידיקן
געקומען דאָן צו אים;
אַ ליד געבראַכט! — אין פריידיקן
זינגט אויס דיין יונגע שטים,

ער נעמט אין האַנט דיין ליד, דיין שריפט,
ער לייענט און ער פרעגט...
און באַלד איז שוין זיין בליק פאַרטיפט —
ער האָט אַ פונק אַנטדעקט.

באַלד קומען אויך די אַנדערע אָן:
ס'קומט יצחק גרינבוים, אַש,
און נאָמבערג קומט, און דינעזאָן —
עס ווערט אַ ליבער רעש.

ווער ס׳זיצט, ווער ס׳שטייט, נאָר דינעזאָן
אים קומט דער אויבן־אָן,
שוין פריינד זייט לאַנג, פון אָנהייב אָן,
דורך בריוו — פון קיעוו אָן...

„בית פּרץ, וואָס איז שייך, וואָס?״
עס איז זיין היים, זיין גאַס;
געהאַט שוין דאָ אַמאָל פאַרדראָס,
דערפאַר אויך פרייד און שפּאַס...

אַ שאָד, ס׳רעדט גרינבוים פּויליש נאָך,
דאָך ער איז אַ סטודענט...
דאָס „פּינטעלע״ האָט פּרץ דאָך
פון ייד אין אים דערקענט.

דער הויכער יונג פון קוטנע ערשט —
אַ יונג מיט גרויסן מוט;
ער האָט שוין נאָמבערגן באַהערשט,
מיט „משהלען״ — ווי גוט.

און נאָמבערג — יונג און בלאָנד, און טיף
ער רעדט נאָך אַלץ אַנטציקט:
אַך, אייער „אויב נישט העכער נאָך״ —
ווי טיף אַריינגעבליקט!

און דינעזאָן, ער שמייכלט ליב:
— ס׳אַ מעשהלע אַ שיינס...
אָ, ווער קאָן דען פאַרגעסן דיך,
צעגלאַנע נומער איינס...

די נייע יבנה פון אַמאָל,
דער פּונקט פון וואָרט און ליד;
וואָס חרוב ווערט זי יעדעס מאָל,
און חרוב ווערט זי ניט...

זי בויט זיך אויף, צי דאָ, צי דאָרט.
מיט יונגער קראַפט באַנייט;
און ס׳קלינגט דאָס יידיש־ליד און וואָרט
אַזוי ביז אייביקייט...

וואַרשע

וואַרשע, נישט ביי דיר געבאָרן,
דאָך ביי דיר בין איך געוואָרן...
ביי מיין אָנקום — גלייך געפונען
האָפענונג, גלויבן — די צוויי זונען.

גאַס צעגלאַנע, איינס דער נומער,
דאָרט האָט אויפגעלויכט מיין זומער.
און די נייע פריינד געטראָפן
מיט די בליקן — ליכטיק, אָפן.

איך דערמאָן, אין טאָג אַ גרויען,
פּרץ הויז, די ליבע שעהען,
ווען עס פלעגן צו אים קומען
יונגעלייט — פון פאָלק די בלומען.

גאַסט נאָך גאַסט האָט אָנגעקלונגען,
און דערנאָך זיך ערשט צעזונגען,
ווי די חסידים ביי אַ רבין:
„אונדזער רביניו״, זאָל לעבן!

ס'איז געווען אַ נייער „חסידיש":
וועלטלעך־פריי און וועלטלעך־יידיש,
און דערנאָך אַ פאָלקס־ליד קומט שוין,
און מען זינגט אין כאָר, פאַרפרומט שוין.

אָפּט אַ פרעמדער גאַסט פאַרשעמט זיך:
אַט צו וואָס די יוגנט נעמט זיך —
צו די לידלעך גאָר פאַרלאָזטע
פון אַ „דינסט־מיידל" אַ פּראָסטע...

באַלד ווערט קלאָר דעם גאַסט דער זינען
(פּרץ האָט עס אויסגעפונען! —)
און דער פרעמדער זינגט מיט אַלע
וועגן דער „געגאַרטער כלה"...

גייט אַ שעה נאָך שעה אַריבער
ביז צום ליד „אַ טאָג אַ טריבער",
די מעלאָדיע, אַזאַ שטילע —
פול כוונה, ווי אַ תפילה...

זיין אָנקום

מיר האָבן אין באַגין די גרויסע פרייד געהאַט
די ערשטע לייענען — פון פּרצס ערשטן בלאַט.

עס איז אין אונדזער ווען ווי אַריין
אַ שטראַל פון לויטערקייט און פון זיין העלן שיין.

ביי „מאָניש"־לייענען — דאָס ליד פון גרויס געזאַנג,
די פערזן האָבן זיך געיאָגט אין נייעם שטראָם און גאַנג.

ס'האָט זילבערדיק געשוימט, געלויכטן און געלאָקט,
ווי ס'וואָלט אין גרויען טאָג מיט נייער ליכטיקייט געטאָגט.

ביי „ווענוס און שולמית" — ביים קאַמף פון יפת און פון שם —
מיר האָבן זיך דערפילט שוין מוטיק ווי אין דער היים.

מיר האָבן שוין פון אונדזער קראַפט דערשפירט דעם סוד
פון שיר-השירימס שיינקייט און פון שולמיתעס גענאָד.

און ביי „שלמהס שטול" — פון ווייטער צייט אין לאַנד, —
דערשפירט שוין פּרצס חכמה, און זיין אידעלן פאַרשטאַנד...

און שפּעטער שוין, ווי פּרץ האָט זיך נאָר געקערט —
אַ נאָענטן, אַן אייגענעם — צו אים זיך צוגעהערט,

און וווהין ער רופט, און ווי ער ווייזט, און וואָס ער הייסט —
איז פול געווען מיט וואָר און וווּנדער און מיט טרייסט...

פּרצעס „גאָלדענע קייט"

אַמאָל איז געווען אַ גאָלדענע קייט,
ביים פאָלק, ביי דעם אַלטן,
ווער האָט דען געוווּסט ווי געלעגן איז זי
פאַרשטויבט און באַהאַלטן.

אַ טייל פון דעם פאָלק פאַרגעסן האָט לאַנג
זיין גרויסן פאַרמעגן,
און יאָרן — זיי זענען פאַרגאַנגען, די קייט
אין שטויב איז געלעגן.

דאָס פאָלק האָט צו פרעמדע געשטרעקט זיינע הענט,
ביי פרעמדע גענומען,
און יענע, זיי האָבן פאַראַכט אונדז דערפאַר —
ביז ער איז געקומען.

ער האָט אויסגעזוכט אונדזער גאָלדענע קייט
פון טונקעלע ווינקלען,
ער האָט זי דערלאַנגט אונדז... ווי ניי אויסגעשמידט
מיט אייביקן פינקלען.

עס האָט זיך דערוועקט אונדזער יוגנט און שטאָלץ —
ביי יעדן באַזונדער...
די גאָלדענע קייט איז בלויז איינער געווען
פון פיל זיינע וואונדער...

ניו־יאָרק, 1952

מנחם באַריישאַ

חשבון אויפן אַש*

(פראַגמענטן)

אַ האַנט האָט מיך אַ ריר געטאָן און כ'האָב דערהערט:
— שטייט אויף!
איך האָב דערקענט דאָס קול, די אויגן אויפגעריסן,
דערזען געבויגן איבער מיר דאָס גרויסע פּנים,
דאָס שווערע מויל — האַלב־אָפן אונטער שווערע וואָנצעס
און פון די ברוינע אויגן —
אַ מין לבֿנהדיק און אומבאַנומען ליכט.
איך האָב געוווּסט — ער איז געקומען פון אַן אַנדער וועלט,
און ס'איז מיר נישט געווען קיין חילוק,
און ס'האָט מיך נישט געשראָקן אויך
וואָס אָט — און ער וועט מיך מיט רייד פאַרשטיינען
ווי יענע מיט די בליקן.
נאָר ער האָט אין דער שווערער גופֿיקייט זיך אויסגעגלייכט
און ווידער מיר דערמאָנט: — שטייט אויף!
האָב איך זיך אויפגעהויבן.
האָט ער מיטן לבֿנהדיקן ליכט
מיך אָפּגעגאָסן, און געווען איז אין די אויגן טאַטעשקייט
און עפּעס נאָך, וואָס האָט געהאַט די פאַרב פון פּיין,
נאָר ס'איז נישט קיין פּיין געווען, נאָר עפּעס אומבאַנומענס,
ווייל ס'איז געקומען פון אַן אַנדער וועלט.
פון מיר האָט ער דעם בליק אַוועקגעשיקט אין קרייז,
אויף גאַנצן מדבר אַרום אונדז,

---

* פראַגמענטן פון אַ לענגערער פּאָעמע, געדרוקט אין בוך „דורך דורות" (ניו־יאָרק, 1950 ז"ז 191—261). אין קלאַמערן איז אָנגעגעבן: „אויפן אַש פון וואַרשעווער געטאָ. איך האָב געזען אַ וויזיע פון מיין דור, וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען און האָט זיך פון מיר אָפּגעקערט און איך ליג אויף דער ערד".

און כ׳האָב געוווּסט — איך דאַרף עס אויך טאָן.
דאָס איז געווען אַ מין עבודה
צו דעם, וואָס האָט אונדזביידן דאָ אַהערגעבראַכט.
אַזוי אין מיטן דער אומענדלעכקייט פון טויטן שטיין
און ווילדגראָז זענען מיר געשטאַנען — ער
פון יענער וועלט, איך — נאָך פון דער,
און ביידע וועלטן זענען זיך צונויפגעקומען
און זענען דאָ געוואָרן איינס.
מיט בליקן אַלץ אין וויסטן חלל האָט ער אָנגעהויבן:
— אירט מיך גערופן.

— — — — — — — — — — — — — — —

ס׳איז אמת — איך האָב אייך גערופן. נעכטן ערשט
האָב איך צום אַלטן מאַרק זיך אומגעקערט,
צו אייער אַלטן מאַרק מיט זיינע שאָטנס און די מתים,
און האָב דערזען אייך און דערהערט.

איר האָט געלאָזט פאַר זיך אַ דור און דורות דורכגיין,
מיט זייערע קליינע פרייד און וועלענישן, ווינד און וויי,
מיט לעבנס — שאָטנס און מיט טויטן — הפקר,
און אינעם גאַנג האָט זיך געהערט אויך דער געשריי

פון זייערע טריט: וואָס איז דער זין?
האָט איר געענטפערט? כ׳זע די אויגן אייערע צעהעלט
אַנטקעגן יעדן שאָטן, וואָס איר פירט אַרויס,
און פון די קורצע שפּרוכן זייערע קוועלט

אין אייך דער מייסטער, וואָס האָט אַזוי שאַרף און בלענדיק
אַ לעבן אין אַ שורה פאַר סך-הכלט.
דער גאַנג פון שאָטנס פרעגט, אָבער דער ענטפערער,
האָט אויפגעשפּילט מיט זיי בלויז אַ ספּעקטאַקל.

און אומזין איז געוואָרן שפּיל. וועט אויך פון דאָ,
פון אַלטן מאַרק אָט דאָ, פון שטויב און פּראָך
פון אונדזער דור, נישט מער ווי אַ ספּעקטאַקל ווערן
און ס׳וועט קיין זין ניט אויפגיין? כ׳בין דערנאָך

אַוועק מיט אייך צום בריסקער רב און ביאַלער רבין,
צום שבת פון ר׳ שלמהם היילקער מרידה,
צום שטומען ניגון פון אַברהמל באַס, — און האָב דערזען:
איר רופט אַרויס די שבת־יום־טובדיקע יידן

און לאָזט זיי אויפגליען אין נייער לויטערער אמונה
און שפּיגלט זיך אין זיי — און ווו זענט איר?
און ס׳האָט זיך מיר אַנטפּלעקט די פּיין פון נישט־דערגאַנגענעם,
וואָס כ׳האָב אין אייער אומרו אַלע מאָל געשפּירט —

די פּיין פון דער מחיצה צווישן אייך און זיי.
וואָס איז זי, די מחיצה? פאַרן פּובליקום —
בלויז אַ שערענגע בינע־לעמפּלעך. זיי,
די שבת־יום־טובדיקע, אין דעם אָפּגעשלאָסענעם תחום

פון וויזיע־לעבן. וואָס איר האָט זיי איינגעטיילט, און איר —
אין גרויסער וועלט, דער שאַפער זייערער און מייסטער.
פאַר אייך אָבער נישט בינע. פון אונטערן באַרג
מיט איינגעקויפטע מייסטערשאַפטן רייסט זיך

פון אייך דער זיוו השכינה, און איר ווייסט:
דאָס האָט דער גלי׳ זיינער אין אייך געבויט אַ היכל
פאַר תמימותדיקע, שלימותדיקע זיידעס,
נאָר איר אַליין וועט קיין מאָל נישט דערגרייכן

די שוועלן זיינע, ווייל דער גאַנג אַהין
פירט דורך אמונה בלויז, אמונה ממש,
און נישט דורך אויפשפּיל פון אמונה. און דער גאַנג
פון אייערע שאָטנס דורכן אַלטן מאַרק זאַמאָשטש

און אַלע אַלטע מערק דורך אַלע דורות —
מיט וואָס פאַר אַן עינויים, מי און מאַטער
איר זאָלט נישט וועלן ווי די זיידעס אים באַזינען,
וועט איר בלויז אויפשפּילן אַ טרויעריק טעאַטער,

און אויף דער בינע אייערער וועט חושך הויערן.
אַזוי איז מיט ר׳ שלמהס אייניקל, אויך איר געשטאַלטער
צוריקגעקומען פון דער וויסנדיקער וועלט,
דער אייזן-האַרטער, פּראַסטיק-קאַלטער,

אַ מופת פון באַנייטן גלויבן אויסצובעטן
ביי זיידנס שאָטנס, און האָט נישט געפועלט.
און אויב אין אייך האָט נאָך דער רים געבלוטיקט,
האָט דור, וואָס האָט געצויגן זיך צו אייער אוהל,

דעם רים און די געפאַלנקייט און ביטער וויסן
פון קיין מאָל נישט אַריינקומען אין היכל זיך פאַרשפּאַרט,
און פון דער היילקייט פון אָבות איז געבליבן
אַן אָפּגעשטויבטער גאַרטל און אַ צוגעקלעפּטע באָרד

ביים בינע-שפּילער. און ווי ווייט ס׳איז דער אַקטיאָר
אין די קאַלירטע אונטערוועש הינטער קוליסן
פון יענעם, וועמענס קדושה ער האָט אויפגעשפּילט,
אַזוי איז ווייט געווען דאָס קלוגע וויסן

פון דור פון יענער שלימות, וואָס מען האָט
אַזוי באַמוחט און באַבענקט און באַגעשטאַלטיקט
אין מייסטעריש־ן וואָרט. זאָל איך אין מדבר דאָ
נאָך אַלץ פּרובירן הינטער זיך צו באַהאַלטן?

זאָל איך מיט אים זיך לאָזן דורכדרינגען דעם חושך,
ווען כ׳ווייס — ס׳האָט אַלע מאָל בלויז שעמערירט מיט פונקען
פון אויסגעבאָרגטער קדושה, און אַליין
אין קומענדיקן ליכט זיך קיין מאָל ניט געטונקען?

איך קען ניט. ווי ביי אייך ר׳ שלמהס אייניקל,
וואָס האָנט פון טויט האָט זי אַראָפּגעדריקט
צו דר׳ערד צוזאַמען מיט די שטיקלעך שוואַרצע קנויטן
פון פרעמדע ליכט — קום איך אַהער צוריק

באַלאָדן מיט מיליאָנען טויטן און מיט שוואַרצע שערבלעך
פון דעם, וואָס האָט געזאָלט אַ וווּנדער־כלי זיין
און פאַל אַראָפּ צום אַש פון דור מיינעם און זאָג:
איך קאָן נישט מיט געבאָרגטע פונקען־שיין

דעם חושך אָנצינדן און דורכן גורל אייערן
באַזינען אייך און זיך. און אויב עס איז נישטאָ
קיין זין אין אייער אומקום — וואָס איז מער געבליבן
פון אונדזער גאַנג ווי אָט דער מדבר דאָ?

— — — — — — — — — — — —

ניו־יאָרק, 1946

נ. י. גאָטליב

צום צוואַנציקסטן יאָרצייט פון י. ל. פּרץ

וועלן מיר דען קאָנען,
קאָנען מיר דען וועלן?

י. ל. פּרץ

ס׳איז צוואָנציק שוין יאָר היינט,
שוין צוואָנציק געוואָרן.

געווען איז אַ צייט דאָן —
אַ פינצטערער דאָרן.
אַ צייט אַזאַ הארבע
פון טויט און פון טרויער.
נאָר פייערדיק-רויטע,
נאָר בלוטיקע קוויטן
באַצירט האָבן גרויזאַם
די ערדישע שפּרייטן.

דו האָסט דאָן פאַרענדיקט
דיין ניגון דעם לעצטן
ביים פופציקסטן טויער
פון לויטערער דיכטונג,
מיט ליכטיקן שמייכל
אין זוניקן פנים,
מיט ציטער מיט צאַרטן
אין האַרץ און געהירן, —
געלייטערט געשטאַלטן
פון וואָר און פון חלום.

מיט איין האַנט — באַשעפער,
צעשטערער — מיט צווייטער,
פאַרניכטער פון נעכטן,
צום מאָרגן אַ גרייטער,
אַ רבי, אַ פירער,
פון אַלעמען ייִנגער,
מיט שטענדיקן פרילינג
אין יונגקייט פון בליקן,
מיט פריידיקער יוגנט,
מיט פרילינגשן פיבער — — — —

און פרילינג צעבליטער
געבראַכט האָט די בשורה
פון ווייטיק און טרייסטונג:
געשטאָרבן — צו לעבן!
געשטאָרבן — צו ווערן
פון ווילן דער סימבאָל
פון קאַמף און נצחון
אַ העלע מסורה,
געשטאָרבן — צו ווערן,
אויפסניי דאָ געבאָרן! — — —

ס'איז צוואַנציק שוין יאָר היינט,
שוין צוואַנציק געוואָרן.

און ווידער האָט פרילינג
אויף ערדן צעבלויט זיך,
אַ פרילינג אַ פרישער
פון בליִען און וואַקסן
נאָך תהומישע שלונגען,
נאָך חורבן פון שרפות, —

אַן אויפשיין פון פרייהייט
אַ שאַל פון נצחון!

און אַלע, מיר אַלע,
אויף וועלטישע וועגן —
אַן אָנזאָג פון פרייהייט,
אַ רוף צו נצחון.

אָ, ווי וואָלסטו שטוינען,
פילפאַרביקער דיכטער,
דערהערנדיק שטימען:

„מיר קאָנען, מיר ווילן
מיר ווילן און קאָנען
זיך רייסן פון געטאָס;
פון „חורבן בית צדיק"
פון „באַנטשע שוויגם" יחוס,
פון „שטריימל", „משולח",
פון שטייגערישן שימל,
פון אַלטקייט, פון שקיעה
פון גרויע רוינען, —
צום זוניקן אויפגאַנג,
צום בלויען באַגינען!"

און צייט האָט באַפוילן —
מיר זענען געוואָרן
אַן אָנזאָג פון פרייהייט,
אַ רוף צו נצחון.

מיר מעסטן די וועלט היינט
מיט נייע געזאַנגען,

פון איין פאָל ביז צווייטן —
די בויערשע קלאַנגען!
און שטימען פון דרום,
און קולות פון צפון:
„ס'ע זאַלבט זיך אַ הימל
אין קלאָרע אין־סופן!"

און „גאָלדענע קייטן"
פון זוניקע רינגען
מיר שמידן מיט ליבשאַפט
אויף פעלדער אויף גרינע,
אויף סטעפּעס צעהעלטע
מיט ווייץ און מיט קאָרן — — — —

ס'איז צוואַנציק שוין יאָר היינט
שוין צוואַנציק געוואָרן.

אָ, ווי וואָלסטו שטוינען
פילפאַרביקער דיכטער,
דערהערנדיק קולות:
„נאָר אַרבעט! נאָר אַרבעט!"
די קולות, וואָס שטייגן
פון ברוסטן פון יונגע,
פון הונדערטער טויזנט
צעשטורעמטע הערצער,
וואָס וועקן און מאָנען
אין עקן אין אַלע
פון וועלט פון צעברויזטער,
פון כּדור הארץ!

און צייט האָט באַפוילן —
מיר זענען געוואָרן
אַן אָנזאָג פון פרייהייט,
אַ רוף צו נצחון.

און היינט אונטער הימלען
צעבליטע מיט פרילינג,
צום צוואַנציקסטן יאָרצייט —
אַ פערטע „מתנה״!
מיר ברענגען דעם לאָזונג:
„מיר ווילן, מיר קאָנען
דעם מאָרגן באַשאַפן,
דעם נעכטן פאַרברענען!״

יצחק לייב פרץ!
מיר זענען זיכער —
דער לאָזונג געפעלט דיר,
און העל ווי די ערשטע,
ווי צווייטע און דריטע,
ווי דיינע „מתנות״,
צעזוניקטער דיכטער,
וועט ווערן דער לאָזונג
„מיר ווילן, מיר קאָנען״ —
אַ זוניק־צעהעלטע,
צעשטראַלטע „מתנה״!

מאָנטרעאַל, אַפּריל 1935

ברוך אליצקי

יצחק לייבוש פרץ

(צום 23סטן יאָרצייט)

ביסט געווען אונדז, ווי אַ פאַרביקער לאָמטערן אינעם גרויען ווינט
מיט זיבן טויטן אינעם בליק.
דו האָסט באַגעגנט יעדן עכאָ אונדזוערן מיט וואָרענונג-סיגנאַלן, מיט געוויג.
און מיר — מיר האָבן אין דיין שיין דערזען זילבער-האָר אויף הארץ פון
יעדן קינד,
און יעדער האָר געשטאַנען איז קאַפּויר,
און יעדער האָר געשריגן האָט : געגנוג.
ס'איז איבער ראַנדן שוין דער קריג — יהי אור!

ווער האָט, פּרץ, זיך געמאָלט, אַז גולמס, אינוואַלידן, מאַריאָנעטן, אַז דיין
באַנטשע שוויג
וועט דעם שטומען צונג אַזוי-אַ געבן אַ צעבינד און אומגעריכט אַרויס אין שטרייק,
אין בלוטיקער געראַנגלעריי מיט פּעטליע צאַרישער און ביקס
און וועט צעטרעטן יעדן איקס,
וואָס שניידט מיט סערפּן אָט די שניטן פון זיין פּראָצע און פּאַרזיי?
ווער האָט, פּרץ, זיך געמאָלט דען, אַז עס וועלן דיינע נייטאָרינס זיך אויסשטעפּן
פון דעם געניי
תכריכים גאָר פאַר קהל און וועלט?
און, מיט רומיאַנעק-בלאָנדע צעפּ צעהעלט,
פאַרשטעכן גאָר אַ פינגער אין קידושין-רינגעלע פון מולד אויף אַ זינגענדיקן
„הרי-את?"
קלינגט עס דען נישט אין די בלוטן, ווי אַ ווונדער-מעשהלע פון שעכערעזאַד? —

הער-הער דאָס ליד פון נייע פייגל!
שנאָבלען שפּיציק, שאַרפע נעגל.
נייע פייגל — נייע לידער! —

און דער סוף פון יענע ברידער?
אַט־אָ דער, וואָס איז פֿאַראַרעמט, איז געוואָרן קידער־ווידער,
און אויפֿן רייכן זיך צעשטורעמט און אויף אייביק אים פֿאַראַרעמט,
און אַ טאָג זיך אויסגעפֿורעמט, און מע גייט אַזוי געאַרעמט, —
כאָטש עס שטייט נישט אין דיין סידור — —
נייע פֿייגל — נייע לידער!

ביסט געווען געגליכן צו אַ פֿאַרביקן לאַמטערן
און אָנגעזויגן האָסטו אונדז מיט אור־הגנוז פֿון בלאַנדזשענדיקן ניגון, וואָס
זוכט אַ תיקון.
פֿון טרויעריקע דריי מתנות און פֿון שטעכנדיקן קלערן,
וואָס לאָזט זיך נישט פֿאַרלעשן און דערשטיקן.

און כאָטש ס'איז פֿרעמד אונדז איצט אָפֿט מאָל דיין לבוש
און שמעקט מיט שטריימל־שטויב, מיט אַטלאַס און מיט פּלוש —
דאָך הייליק־טייער איז אַזוי דיין נאָמען, וואָס די ערשטע העלפֿט דערמאָנט
אַ פֿינצטערע עקידה,
און די צווייטע — אַ הערצישן געבריל,
און ס'איז משלים זיי ביידע —
די דריטע מיט „צאַדיק' פֿון דערגרייכטן ציל...

זשעטל, 1938

מ. גינזבורג

פרציאַדע

(צום 24סטן יאָרצייט)

אויפן הימל פינקלען שטערן,
עמעץ זינגט אַ פרץ־ליד,
ס׳קומען אָן פון הויכע ספערן,
יידן גרויסע פון יריד.

ווער מיט זעק און ווער מיט פעקלעך,
אויסגעמאַטערט זייער שטאַרק,
גייט מען אָנגעשפּאַרט אויף שטעקלעך
אַלע אויף דעם „אַלטן מאַרק״.

מ׳הערט „אַ גילגול פון אַ ניגון״,
ס׳כאַפּט דעם מאַרק אַרום אַ שרעק,
„ס׳גאָלדן קייט״ וויל עמעץ קריגן
פאַר „הכנסת־כלה״־צוועק.

די „דריי נייטאָרינס״ דערהערט מען
הוסטן, ס׳פעלט זיי אָטעם אויס:
— אפשר האָט איר אַ באַשערטן? —
שרייט דער בטלן הויך אַרויס.

ווער וויל קויפן „דריי מתנות״?
ס׳גילט אויף אויסצוקויפן זינד.
איך וויל קויפן! — שרייט אוים „מאָניש״,
ס׳איז נייטיק פאַר „דאָס קראַנקע קינד״.

וואָס איז אסור, וואָס איז מותר,
עולם הזה איז אַ פייג,
אַ הייסע בולקעלע מיט פּוטער, —
בעט זיך נעבעך „באַנטשע שווייג״.

פאַר די קעלערס, פאַר די לעכער
טראָגט דער נעמיראָווער האָלץ,
ער קומט פון הימל „אויב נישט העכער״, —
זענען „מקובלים״ שטאָלץ.

אַ קריי פון האָן דעם טאָג קומט מעלדן,
אַ סוף, אַ סוף, שרייט אוים אַ ייד,
יצחק לייב פּרצעס העלדן
שטיל פאַרלאָזן דעם יריד.

1939

מאָטל האַרצמאַן

אַ באַפרייט געזאַנג

טעג און יאָרן זענען
אין דער ווייט פאַרשוווּנדן,
בלייבט נאָר אַ דערמאָנונג,
בלייבט אַ טיפער שניט.
צאַרטע, רויטע רויזן —
דיינע רויטע וווּנדן,
הייליק, טייער מיידל,
ליכטיקער געמיט.

אין דעם ענגן געטאָ
האָט געלעבט דאָס מיידל,
האָבן די באַנדיטן
צו אַ הייסן פערד
אירע צעפּ געבונדן,
אירע הענט די איידעלע,
און דאָס פערד געטריבן
איבער שטיין און ערד.

מיט איר לייב איר נאַקעטס
זאָל דער ווינט נישט שפּילן,
האָט זי מיט די נאָדלען
פון די שוואַרצע האָר
אירע פּים צעשטאָכן,
צו דעם קלייד געשפּילעט,
איז איר בלוט געראונען
אַזוי הייליק, קלאָר.

אירע טיפע אויגן
האָבן אויסגעשטראַלט זיך,
אירע גאָלדענע וויִעס
האָבן זיך פאַרמאַכט.
אירע הענט, ווי אַסטרעס,
זענען ווייסע, קאַלטע.
אירע בלאַסע באַקן
זענען קאַלט און צאַרט.

איך פאַרמיש די בלעטער,
יצחק-לייב, מיט ווייטיק,
ווי דו האָסט געמאָלט אונדז
אַזאַ ליב געשטאַלט.
ס'איז נאָר אַ דערמאָנונג,
ס'איז אַ שווערע שיידונג,
ווייל אַ נייער האָרן
ליכטיק, גליקלעך שאַלט.

זין און טעכטער וואַקסן
אין אַ לאַנד אַ פרייען.
בליִען ווי די צעדערס
אַזוי וווּקסיק שלאַנק.
און מיר זינגען לידער
פאַר דער האַנט דער טרייער,
וואָס באַשיצט, באַוויליקט
אונדזער פריי געזאַנג.

קיעוו, 1940

דיין בוך

דיין בוך ליגט אָפן — יעדער בלאַט
אַרומגעזוימט מיט גאָלד מיט דינעם,
גלייך ווי מיט שטראַלן פון באַגינען, —
עס שפּירט דאָס אויג און ווערט נישט זאַט.

און בילדער שטייען אויף פאַר מיר,
וואָס טויט געווען, ווערט ווידער לעבן,
וואָס אָנמעכטיק, ווערט הייסער שטרעבן,
וואָס אַש און בלאַס, באַקומט קאָליר.

דריי נייטערקעס אין שווערן טרויער,
זיי נייען שטיל אַ חופּה-קלייד
און זינגען שטיל, און מיט באַדויער,
פון דעם, אַז פינצטער איז די פרייד.

פון דעם, אַז יוגנט איז פאַרגאַנגען,
און אָפּגעוועלקט אין סאַמע בלי,
פון דעם, אַז שיינע הערצער צאַנקען,
פון דעם, אַז אָוונט איז דער פרי...

זיי זינגען אוים אַ ליד פון ליבע,
פון דעם געליבטן, פון זיין וויי, —
עס האָט דער קייסער אים פאַרטריבן
דורך נאַכט און וויגעשריי און שניי.

עס זענען טרערן דאָ פון צאָרן,
פון ליבע און פון פרייד און צער,
פון בענקעניש, פון האַס פון קלאָרן,
פון ליידן, אומגליק און געפאַר.

די אַלע טרערן זענען טייער, —
געפֿאַלן זענען טרערן שווער
אויף חופּה־קליידער גלייך ווי פּייער —
אין זיי איז אויך פֿאַראַן מיין טרער.

די טרערן זענען איידלשטיינער,
זיי זענען דורכזיכטיק און קלאָר;
פֿאַרגעסן וועלן מיר זיי קיין מאָל,
פֿון טאָג צו טאָג, פֿון דור צו דור.

זיי וועלן בלייבן, ווי אַ דענקמאָל
פֿון אונדזער נויט און אונדזער פּיין;
די טרערן זענען איידלשטיינער,
וואָס וועלן קיין מאָל שוין נישט זיין.

1940

כ'זינג איצט דיינע לידער

ווייל ס'איז ווייט די צייט,
און ווייל דיין גייסט איז נאָענט,
קומסטו פון דער ווייט
אין אַ שטילן אָוונט.

און איך הער דיין קול,
עס פליסט, ווי שטילע קוואַלן,
וואָס מורמלען אינעם טאָל
אַנטקעגן גאָלד פון שטראַלן.

כ'זע די צאַרטע פרוי,
וואָס דו האָסט זי געבאָרן —
זי האָט פאַר דעם געליבטן
נישט געקאַרגט די יאָרן.

און די הייסע גיפטן
פון דעם שלאַנג געליטן
און צום טויט געגאַנגען —
אים נאָר צו פאַרהיטן.

קומט זי אינעם אָוונט
צו די בלאָע שויבן,
און איך הער זי שעפּטשעט:
— זאָלסט אין ליבע גלויבן!..

יאָ, איך גלייב דיר, דיכטער!
האָסט מיין האַרץ געפאַנגען,

צו מיין שטילן שטיבל
איז דיין וואָרט דערגאַנגען.

כ׳האָב געמיינט, אַז פייגל
זינגען ביי דעם טויער,
דאָס איז גאָר דיין קול
דערגאַנגען צו מיין אויער.

כ׳האָב געמיינט, דער הימל
ווייסט נאָר בלויז פון שווייגן,
ווען עס רעדן גראָזן,
ווען עס בליִען צווייגן.

נאָר וואָס הייסט עס שווייגן
האָב איך ערשט באַנומען,
דאַן, ווען „באַנטשע שווייג"
אין הימל איז געקומען.

נישט ווי קיין דערמאָנונג
קומט דיין וואָרט, דיין ניגון,
כ׳זינג איצט דיינע לידער
ביי מיין טאָכטערס וויגל.

1940

לייזער וואָלף

מענדעלע, פּרץ און שלום עליכם

דריי גינגאָלדיק זילבערנע טראָגנען האָב איך היינט געזען אין גן־עדן
פּאַר פּרצן, שלום עליכמען און מענדעלען דעם זיידן.
אין די טראָגנען זיינען זיי געזעסן שטום־פריש־לעבעדיק־פאַרשיידן,
און איטלעך קנייטשל זייערס האָט געהאַלטן אין איין ריידן, נאָר די שטימעס
זיי האָבן געגליוועט ווי לעבעדיק־פאַרביקע דריי פּאַנטאָמימעס.
אין מיטן איז געזעסן מענדעלע,
דער גרויסער זילבער־קאָפּ דערהויבן,
די אויגן שאַרף געשליפט פון שטאָל,
די באַקן — אַלטע עפּל קנייטשלדיק און רויזיק,
די שופר־נאָז בליט בלאַנק־ראָז,
די זיידישע נאָזלעכער ציטערן, שפּירן,
און אויף די פּולבלוטיקע ליפּן
שפּילט אַ דינער פייגלדיקער חוזק.
רעכטס איז געווען פּרץ מיטן מעכטיק־שווערן קאָפּ,
פון זיין זוניק הייסן שטערן שלאָגט אַ שטראַלן־סנאָפּ,
אויף די ווונדיק־פרישע ליפּן גלאַנצט אַ טויען־הויך,
די פייער־שוואַרצע אויגן — אין עקסטאַז פאַרכאַפּטע צו דער הימל־הויך.
און לינקס איז געזעסן גרינג שלום עליכם
מיט ערדיק־ברוינע לאָקן, מיט אויגן ניי־גלאַנץ־בלויע,
מיט אַ גרויסן און אָפענעם מויל בלאַנק־ווייס־ליכטיקע ציין
און געלאַכט, און געלאַכט, און געלאַכט מיט דער גרעסטער הנאה.

ווילנע, 1939

ה. לייוויק

אין דיין זכות, י. ל. פרץ

איך האָב ביים לעבן נישט געקענט דיך. כ׳מאָל דיך אויס.
איך קום-צו צו אַן אָרט, ווו ס׳איז געווען דיין הויז,
איך קלאַפּ אָן אין דיין טיר, וואָס איז שוין מער נישטאָ,
און כ׳הער דיין קול פון אינעווייניק: כ׳בין דאָ, דאָ-דאָ.

דאָס אַלץ געשעט, כ׳וואָלט שווערן, אין אַ שרפה-שעה,
עס עפנט זיך דיין טיר, וואָס איז שוין מער נישטאָ,
דו וואַקסט אויס אויף דער שוועל, וואָס ליגט אויף קויל פאַרברענט,
און לאָזט זיך שפּאַנען צווישן ווייטעדיקע פייער-ווענט.

איך שפּאַן דיר נאָך, ווי דו אין פלאַם אַרומגעכאַפּט,
און אָט דערזע איך ווי אויך דיין האַנט האַסטיק קלאַפּט
מיט לעצטקייט אין אַ טיר, וואָס איז שוין מער נישטאָ,
און וווּנדער — כ׳הער דיין קול נאָך זיכערער: כ׳בין דאָ.

און וואָס דערזע איך, ווען די פלאַמען פאַלן אָפּ?
אויף רויכערדיקע חורבות אַ באַגינען קומט אַראָפּ —
ווי אַלע מאָל אַזוי ווי פון אַ באַרג אַראָפּ אין טאָל —
אַ זון ווי גאָר אַ מאָל, ווי גאָר אַמאָל-אַמאָל.

איך זע ווי דיינע אויגן לויכטן-אויף אין מאָרגן-שיין,
און אַלע מיינע שולדן גראָב איך טיף אין זיך אַריין,
די שולדן פאַר צעטאַכלעווען די שיינקייט פון דיין וואָרט,
די שולדן פאַר באַגעגענען דיך אויף אַ חורבן-אָרט.

דו לייגסט אַרויף אויף מיר אַ פאָטערלעכע האַנט,
דו ווילסט מיך טרייסטן, אַז נישט איך בין שולדיק אין דער שאַנד

פון חורבן, מיט אַ מאָל נעמט פון דיין האַלדז אַליין
זיך רייסן אַ צעפּייניקט איכהדיק געוויין.

ס'איז שווער צו זען, ווי ס'וויינט אַ יחסן־מאַן ווי דו,
און שווערער נאָך — ווען האַסטיק נעמסטו און פּאַלסט צו
מיט ביידע ליפּן, אָן צוריקהאַלט, אָן פאַרשטעל,
צום בערגל אַש וואָס איז אַמאָל געווען דיין שוועל.

ס'איז שווער און ווּנדערלעך, און ווי געבענטשט דערפאַר,
וואָס פּשוט, ווי אַ ייד פון גאַס, פאַרדעקסטו נישט דיין צער,
און קייקלסט זיך אין אַש און קושסט אויס יעדן שטיין
און נעמסט אויך מיך אַזוי אַריין אין דיין געוויין.

כ'האָב, יצחק לייבוש פּרץ, דיך ביים לעבן נישט געקענט —
דערקען איך איצטער דיך צווישן אָפּגעברענטע ווענט
ביי טירן און ביי טויערן, וואָס זענען מער נישטאָ,
אין זכות פון דיין געוויין־געזאַנג: כ'בין דאָ, דאָ־דאָ.

ניו־יאָרק, 1945

י. ל. פרץ

אַ וואָרט — אַ סטרונע דין
קוים וויגט זיך איבער תהומען:
אין גרויל פון טויט געפין
דעם ניגון פון אַ נאָמען.

געפין אים און דערהייב,
לאָז שטאַרק אים זיך צעוויגן —
דאָס וואָרט איז — יצחק לייב,
און פרץ איז דער ניגון.

אַ גילגול האָט געשלעפּט
דעם ניגון צו דערשטיקן,
צי האָט ער איצט דערלעבט
צו קומען צו אַ תיקון?

ווּ איז ער — באַנטשע דיין
נאָך גאַז-אויוונס בהלה,
און שלמהס קידוש-ווין
נאָך פינצטערער הבדלה?

צעשפּיל זיך ווידער, ווײַן,
צו לעשן פיבער-דאָרשטן
אין גוף פול אַנגסט און פּיין
פון דיינע מידע יורשים.

גים קראַפט אין זייער גוף,
גים קראַפט פון לעצטן בעכער,
און הייב זיי ווידער אויף
הויך, הויך, אויב נישט נאָך העכער.

1945

אוהל פרץ

אוהל פרץ — נאַכט און פרידן
שפרייטן זיך אויף קבר־שטיינער.
צו דער גענשע־גאַס אָן יידן
לאָזט זיך גיין אַ וואָגלער איינער.

ווער דער וואָגלער? — נאָר אַ שאָטן
פון אַ תושב אויף צעגליאַנע,
שפּאַנט אַרום מיט אַש באַשאָטן,
אַש דערטראָגן פון מאַידאַנעק.

אַש און ריחות פון פאַרברענונג —
ווער האָט אומגעבראַכט דאָ וועמען?
אין אַ רגע פון דערקענונג
פלאַמען־אויף דעם וואָגלערס ברעמען.

אָט איז נאַכט, און אָט נעמט טאָגן, —
פלאַטער־פּאָלעס ווי צוויי פליגל
גיבן אים אַ הייב און טראָגן
איבער קופּעס ליים און ציגל.

— יידן! — רופט ער — זאָגט, צי לעבט איר? —
און זיין פליען ברעכט זיך איבער:
זיינע ווערטער קוים דערשלעפּט ער
דורך אַ לאַבירינט פון גריבער:

— טרייסטונג דאַרפן מיינע פליגל,
זייער איינבראָך נישט פאַרמידן:
ברענגט זיי כאָטש צום אוהל־ריגל
דורך מיין יידן־גאַס אָן יידן.

1952

ש. ראַסין

יצחק לייבוש פרצן

דו ביסט אַרויס פון פאָלק — צום פאָלק
און אויסגעטאָן פון אים דאָס שטריימל, —
עס האָט געברויזט אין דיר זיין שטאָלץ,
זיין שטומע, מאָנענדיקע טענה.

האָסטו דעם מוט אין אים אַנטפּלעקט,
וואָס איז געווען אין פּיין פאַרשלאָסן, —
האָסט באַנטשען אויפגעוועקט פון הינערפלעט
און אים געגעבן לשון...

און מילד אַזוי, און האַרציק — קלוג
ביסטו צום פאָלק געקומען, —
דו ביסט אַריין אין קעלער־שטוב
און אוצרות דאָרט געפונען.

און ווער האָט נאָך אַזוי די פרוי,
ווי דו, באַזונגען און באַפליגלט?
און מיטן קלעזמער פאַרן טויט
האָסט מיטגעשפּילט זיין שענסטן ניגון.

האָסט ליב געהאַט אַזוי דאָס קינד,
וואָס האָט אָקאָרשט די ערד באַטראָטן, —
האָסט אים געשענקט דיין פיינסטע ליד,
דיין לעצטן אָטעם.

מאָסקווע, 1940

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

„באָנטשע שווייג"

1

איך האָב דיך דערזען אַמאָל, אין שעה פון טאָגן,
ווען יצחק לייבוש האָט דיך געבראַכט אין הויז פון אונדזער לעבן.
איך בין געווען דאָן יונג, מיט רויש פון נייעם טאָג געשטיגן,
נאָר דו, געבויגענער, ביסט שטיל אַריין — און האָסט געשוויגן,
האָב איך געקריגט: — אין שווייגן ליגט דאָך אונטערטעניקער פאַרגעבן,
אַ פּלייצע בייגט זיך איין: — נאַ, טו מיך שלאָגן!...
נאָר איצט, ווען ס׳פאַלן טעג, ווי ברוכשטיקער, מיט אַש פאַרשאָטן,
און פּליט יאָגט אַ נאַקעטער אָן גואל און קרוב —
האָב איך דערשפּירט, דיין שווייגן רוקט זיך צו, ווי אָוונט-שאָטן.
אַ וועלט, און נאָך אַ וועלט, ווערט חרוב.
דער לעצטער אויסגעשריי פאַרשטומט אויף מערבדיקן שייטער —
דיין שווייגן אָבער רינגלט מיך אַרום, און גרייכט אַלץ ווייטער, ווייטער.

2.

דאָס צינגל פון דער וואָגשאָל האָט זיך געוויגט, געצויגן, —
אַזוי אויך דער בערדיטשעווער, און ס׳האָט געמאָנט זיין הויכער שטערן:
— כולו זכאי! און אַז נישט, איז וואָס? דאַרף ישראל פאַרטיליקט ווערן?
וואָס האָסטו צו דיין פאָלק? — און וואָג האָט אַלץ געוווגן...
עס האָבן זיך געשפּיזט די גרויע, טרערנדיקע ברעמען,
און איך, מיטן יונגן הארץ, האָב מיטגעוויינט: — אַ סוף זאָל נעמען!
נאָר דאָ ביסטו אַריין, אָן וואָג — נישט צו וועגן, נישט צו מעסטן, —
נישט אייגענע, נישט פרעמדע זינד — און האָסט געשוויגן.
פאַרפּייניקטער, פון בייטש געבייטשט, פון מענטש — פאַרשפּיגן
אָן קנאה און אָן שנאה, נאָר מיט אַ פּנים אַזאַ בייניק-פעסטן,
און מיט הכנעה אויף די פּלייצעס — נישט גרייטקייט צו פאַרגעבן, —
נאָר גרייט צו טראָגן לאַסטן — די לאַסט פון אונדזער לעבן.

3

דערמאָן איך זיך: אין הויז האָט פינצטערניש געפּאַכעט מיט פליגלען,
און אין דער פינצטער, רופט ר׳ שלמה: — די וועלט וויל מער נישט וואַרטן!
איך וועל די הימלען אַלע איצט צעעפענען, צעריגלען,
שבת זאָל זיין! — דער רוף פון איינגעשפּאַרטן.
און איך, אַ קינד ביי שלמהס זייט, האָב גיריק מיטגערופן:
— פאַרפרוירענע נשמהלעך, איר, יידעלעך, מיט איינגעשרומפּטע גופן,
איר זוכט אַ פונקעלע, אַ שבתל, — נאָר וואָך זייט איר גאָר אויסן,
איר רייסט זיך צו די קרעמלעך גאָר, איר חלומט נאָר פון שילדן...
נאָר דאָ ביסטו אַריין, געטריבענער פון דרויסן,
און האָסט אַ זאָג געטאָן מיט קול אַזאַ פאַרטראַכטן, מילדן,
אַז אַלע מיר — מיר האָבן קוים געקאָנט דערהערן:
— יידן, גוט־וואָך, עס לייכטן שוין די ערשטע שטערן.

4

די וועגן רייסן זיך, עס שווינדן די געשטאַלטן,
די מאָנער מיט די מאָנונגען, משיח מיט די ווונדן.
די שרעק פאַרשאָטנט ליגט אין פעלדזן־שפּאַלטן...
נאָר דו אַליין בלייבסט איבער, מיט שטריק אַרום דיין דיך פאַרבונדן.
מיט שווייגן אין דיין גוף, געדולד און גאַנג דורך יאָרן.
קום, שווייגעניש, הכנעה, פעלדזיקער בטחון!
קום, באַנטשע שווייג! די קברים מערן זיך, מצבות וואַקסן,
אַן ארון ציט, עס הערט זיך אָוונטיקער סקריפּ פון אַקסן,
דאָס גייען מיר צום פעלד פון קדושים, אויך זיי — אין טיפן שווייגן,
נאָר איבער זיי — דאָס קול פון דורות, וואָס הייבט זיך אויף אין שטייגן,
אַריבער פלויטן, מענטשן, אַריבער שפּיצן, דעכער, —
און שטייגט אַלץ צו די הימלען העכער — „אויב נישט נאָך העכער״...

ניו־יאָרק, 1939

איציק פעפער

צו י. ל. פרץ

כ׳קאָן זיך היינט צו דיר נישט ווענדן,
ווי מען ווענדט זיך צו אַ מענטשן,
וואָס איז שוין פון לאַנג פאַרשווונדן
פון דער שווינדלדיקער ערד,
וואָס זיין גאַנג איז שוין פאַרגאַנגען,
וואָס זיין נאָמען איז פאַרהאַנגען
מיט אַ פאָרהאַנג פון פאַרגעסונג,
און זיין וואָרט איז שוין קיין וואָרט נישט,
און זיין ווערט האָט נישט קיין ווערט...

ניין! איך קאָן נישט, און איך דאַרף נישט,
כ׳וויל צו דיר זיך היינט נישט ווענדן,
ווי דו וואָלסט באמת רוען
אויפן וואַרשעווער בית-עולם
מיט אַ טרויער-צאַם פאַרשטעלט,
לעבסט היינט מיט אַ שענער לעבן
פון אַ סך, וואָס לעבן טאַקע,
נאָר זיי בלאָנקען ווי די שאָטנס
אויף דער לעבעדיקער וועלט...

כ׳וויל נישט וויסן, כ׳וויל נישט הערן,
אַז דו ביסט אַוועקגעגאַנגען,
אַז דו האָסט מיט אונדז צעשיידט זיך
פריער מיט אַ דרייסיק יאָר;
כ׳וויל קיין הספד דיר נישט מאַכן,
כ׳זע אויף גאַסן דיך, אויף שליאַכן,
ביסט אַ מענטש פון אונדזער דור,
און דיין חלום איז מיין וואָר...

אין דער הויפּטשטאָט פון די הויפּטשטעט
אין דער שטאָלצער פרייער מאָסקווע,
אַ באַלויכטענעם מיט ליבע
כ׳זע דיך זיצן אויבנאָן,
איינער זאָגט: דו ביסט אַ גאון,
און דער צווייטער — ביסט אַ פּאָן,
און פאַר מיר — ביסטו דער דיכטער,
וואָס האָט אַלץ געשטעלט אין קאָן...

ביסט פאַר מיר מיין שטאָלצער שמייכל,
ביסט מיין גרויזאַמער געוויין,
ווען איך זאָל צו דיר נישט קומען,
ביסטו קיין מאָל נישט אַליין.
ס׳קוקט אויף דיר אַברהם גאָלדפאַדן
און פאַרשטייט דיין טיפן מיין;
ס׳זיצט לעבן דיר שלום עליכם,
כ׳זע אים פון דער רעכטער זייט,
כ׳זע דאָ ביאַליקן נישט ווייט,
דוד בערגעלסאָן און נסתר
זיצן גראָדע זייער נאָענט...
קושניראָוו האָט מיטגענומען
פון דיין אימפּעט אויפן פראָנט.
אַזוי פרי און אַזוי היינטיק
איז דיין ליבע און דיין האַס,
ווי דער שמייכל פון די קינדער
אויף דער מינסקער פרץ-גאַס...

האָסט מיין קינדהייט אין די געסלעך
אין די שטויביקע געפרייט,
האָסט מיין יוגנט נישט פאַרגעסן,
און מיין רייפקייט מיך באַגלייט.

און ס׳איז גוט מיר היינט צו וויסן,
אַז דו ביסט נאָך יונג און שטאַרק,
אַז אַוועק איז ווי אַ וואָלקן
פונעם וועג דער אַלטער מאַרק,
אַז פאַרשוווּנדן איז אויף אייביק
פון די געסלעך באַנטשע שווייג,
אַז מיין פאָלק איז נישט קיין דאָרן,
נאָר אַ לעבעדיקע צווייג.
מ׳האָט זי שטאַרק אַרומגעריסן,
מ׳האָט צעשטערט אויף איר די נעסט,
נאָר עס רוישט שוין דאָס געבלעטער,
און די וואָרצלען זענען פעסט...

קומסט מיט יעדן פרילינג ווידער,
מיט אַ גרינעם פלאַם צעברענט,
כ׳האָב אין גראָז אין יענעם גרינעם
דיין אומשטערבלעכקייט דערקענט.

כ׳האָב געזען אַ מאַמע שפּאַנען
איבער קברים און קורגאַנען
מיט אַ קינד אויף אירע הענט,
כ׳האָב אין קינד, וואָס וויל נישט שטאַרבן
דיין אומשטערבלעכקייט דערקענט...
ס׳האָבן טייכן זיך געגאָסן,
טייכן טרערן, ימען בלוט,
איך בין שטאָלץ, וואָס כ׳קאָן דיר מעלדן,
אַז מיין פאָלק האָט נישט גערוט,
אין דער שלאַכט האָבן געפלאַקערט
זיינע טעכטער, זיינע זין,
אַז דיין נאָמען אין די הערצער,
האָט זיי געבראַכט אַהין.

צווישן שטאַרבנדיקע העלדן
מיט די ביקסן אין די הענט,
האָב איך נאָך אַ מאָל און ווידער
דיין אומשטערבלעכקייט דערקענט.

מאָסקווע, 1945

ב. לאַפּין

י. ל. פּרץ

נישט די געקרוינטע און געזאַלבטע,
וואָס קליינע איבער זיך דערהויבן, —
גרויס זענען די, וואָס טאָט צעשטראַלט זיי,
און ס׳שטעלט די טאָט אַוועק זיי אויבן.
דורך אויגן זייערע צעפּראַלטע
קאָן יעדער קוקן ווי דורך שויבן,
חלומות, אין דעם האַרץ, צעשטראַלטע,
פאַרחלומען די וועלט מיט גלויבן.

האָסט שיין געלעבט דיין שיינעם לעבן,
און לאַנג געלעבט אין קורצע יאָרן,
דו האָסט פאַרמאָגט אויף אָפּצוגעבן,
און ביסט פון געבן רייך געוואָרן;
אויף האַרטער ערד געקאָנט האָסט שוועבן,
און חלומען מיט אויגן קלאָרע.
האָסט וואָרט געשפּאָרט אין פונק-געוועבן,
געצאַמט, — גאָטס פייער איינצושפּאָרן.

פלעגסט וואָרן שלאָס אויף ברוך צעברעכן,
אַז ברוך זאָל חלום-שלאָס געבערן,
דו ביסט אַליין דיין זאַלבונג-בעכער,
אַליין דער הימל פון דיין שטערן;
דאָך גרויסקייט גרייכט נישט מינדסטנס קנעכל,
ווי מיטגעפיל צום ברודערס טרערן,
צו הימל הויך, אויב נישט נאָך העכער,
גרייכט דער וואָס קאָן זיין גוטסקייט מערן!

ניו־יאָרק, 1945

א. לעיעלעס

צו פרצן

איך ווייס נישט, צי איך וואָלט דיר פאַר אַ זון געפעלן.
דו מיר פאַר אַ טאַטע — אַ געשטאַלט, וואָס איז פּערפעקט. —
ווי נאָר דו קומסט מיר אויפן זינען, ווערט אַנטפּלעקט
פאַר מיר די שטוב מיט מוטנע שויבן, קרומע שוועלן;
די שטוב, וואָס האָט זיך צו באַנייונג ערשט געוועקט;
די שטוב פון שניידער-בעקער-שוסטערשע געזעלן;
די שטוב, וואָס האָט געיום-טובט זיך מיט זאַמד, מיט געלן;
די שטוב פון כשרן „זשאַרגאָנישן דיאַלעקט".

אין אָט דער שטוב האָסטו געטראָגן הימל, חלום:
דאָס זאַמד דערהויבן צו אַ גאַנצער רונדער ערד,
מיט גאָלדן ליכט אויף איר, וואָס מענטש זאָל זיין עס ווערט,
געמאָנט דעם חוב צום קעלער-קינד: אָ, וועלט, באַצאָל אים!
די שוועלן אויסגעגלייכט, די שויבן ריין געמאַכט —
ערשט פאַרביק האָט דורך זיי געשטראָמט אי וואָר אי פּראַכט.

נישט אַלץ געוואָרן ווי עס האָט דיין גייסט געשטורעמט,
דיין בליציק אויג געוויזן און דיין האַנט געפורעמט,
אַ טאַטע וויל פאַר קינדער העכסטן אויבנאָן —
די קינדער קריגן נישט דאָס טעלערל פון הימל.
נאָר הויך געוואַקסן איז דיין אויסגעצערטלט בלימל,
די שפּראַך פון שטוב, דער העלער, ערלעכער זשאַרגאָן.
אַ פאָטער חלומט נס, ער חלומט גאָלד פון אייזן
פאַר זיינע זין. די זין — זיי פעלשן אָפט אין אים.
און איינס וועל איך מקיים זיין דיין רוף און שטים:
דעם לשון פון דער שטוב וועל איך ביז סוף געטריי זיין.

ניו-יאָרק, 1945

י. ל. פרץ

ווייל צו דעם, וואָס ביז זיין סאַמע לעבנס-ענדע
האָט פון האַס און ליבשאַפט אויסגעבליצט אַ זעונג קלאָר,
און צו איר געגאַנגען גראַד דורך חושכדיקסטער וואָר.
דער איז ביי דער צייט קיין כלאָפּ נישט אין אָרענדע,
נאָר ער בויט אַליין געשיכטע און לעגענדע
און זיין שטים הילכט הויך אַריבער דורותדיקן כאָר.
ווייל דיר, יצחק לייבוש פּרץ, זעער, פּאַנצער,
גרויסער ייד פון מלכות פּוילן, טרייסטער, פּלאַנצער.

ס׳לעצטע וואָרט פון זיינע רייכע ווערטער-גיטער,
אויך זיין לעצטע טאַט, געווען — די זאָרג פאַר יידיש קינד.
ווי עס וואָלט זיין העלער בליק אַדורכגעקוקט געשווינד
צו דעם היינט, וואָס אָן דערבאַרמדיקן ציטער
האָט אויף אונדזער קינד געשיקט אַ מאָרד-געוויטער.
ווי ער וואָלט פאָרויסגעזען, אַז ווי איז אונדז און ווינד,
אַז מיר וועלן נישט באַציימנס, מיט דעם לעצטן אָטעם,
איינהיטן דעם מאָרגן פון דער קרוין פון שבטים.

כ׳האָב אים יינגלווייז, אין פּוילישער מדינה,
צופעליק געזען, און דער זכרון היט דאָס בילד:
שווערע וואָנצע, אויגן ווייטע, אָבער מונטער-מילד.
נאָר דער שטאָלצער שטעל, די שאַפערישע מינע,
ס׳לייבן-וואָרט, די פליגלדיקע פעלערינע —
דאָס איז דמיון, ווו די ליבשאַפט מאָלט און שפּילט.
כ׳קען דעם ייד מיט פּויליש אָנגעשפּיצטן האָנער,
כ׳קען דעם אומרויִקן ייד און הייסן מאָנער.

יידיש וואָרט געווען זיין לעצטע זאָרג און צאַרטקייט.
כ׳הער זיין טרויעריקן, איבער-דורותדיקן טאָן:

גרויסקייט פלאַנצט אַצינד אין זיך, טוט גרויסקייט־מלבוש אָן.
יאָגט פון זיך די וואַכעדיקע איינגעשפּאַרטקייט,
ברעכט דעם שפּיגל פון דער זעלבסט־פאַרנאַרטקייט,
גובר זייט די קריוודע און דעם שטאָך פון קראַנקן צאָן.
זיך אַליין פאַרגעסט אַ העלפט פון די מעת־לעתן,
אַז איר זאָלט די טויטע קינדער נישט פאַרגעסן.

יידיש וואָרט געוועז זיין לעצטע טרייסט און גלויבן.
ער, דער עושר אויף דער אָרעמאַנסקער יידיש־בריק,
האָט געקוקט דורך שטעגן פון פאַרנעפּלטן צוריק,
האָט געקוקט פאָרויס דורך קומענדיקע שויבן,
און דערשפּירט דעם עול פון ערד, דעם גזר פון אויבן.
בליִונג אונטער מעסערס האָט געזען זיין העלער בליק:
לשון פון אַ פאָלק, אַ הוילן וועלטן־שפּרייזער,
וואָרט פון אַ פאַרפּאָלגטן וועלטן־חלום ווייזער.

איצטער שלייכט דער חלום, פּרץ־חלום הויכער,
אָבלדיק ביי ווילדע חורבות פון אַ וועלטן־בראַנד,
ביי די היימען, וואָס פון זיי נישטאָ קיין דאַך, קיין וואַנט,
איבער בייסנדיק און מתימדיק געדרויכער.
בעט דער חלום: זייט מיך ראוי, זייט מיך זוכה,
און געדענקט דאָס ריינע יידן־קינד פון פּוילן־לאַנד.
טרויערט, הויערט איבער יעדן יידן־אָטעם,
זוכט ביים טויט און פאָרשט זיין אומפאַרשעמטן שאָטן.

בעט דער חלום: טויזנט יאָר געבויט דעם חדוש,
אויפגעשטעלט דעם נס — פון לופט און לעבערדיקן צוים,
ווייבערס זיפצן, מענערס דאגות, לצימס ווייץ און שוים,
למדנס שאַרפקייט; פון געשריי, אַמאָל יאָרידיש,
פון די קינדערס שמייכלען — טויזנט יאָרן יידיש!
זוכט מיר אָפּ דעם זאָמען — איך וועל אויפשטעלן דעם בוים.

רעדט און בעט דער חלום, טיפער און אינטימער,
הערסט פון פרצן די מאָנענדיקע שטימע:

חורבות, אַש און טרערן, נאָר געדענקט די קינדער.
פון דעם אָפּענעם אָנדנאָעדיקן פעלקער-תהום,
פון צעווירעטן, בלוי-אויגנדיקן, נייעם סדום,
וואָס איז פול מיט שולד און דול מיט כולו-זינדער,
הייבט זיך אויף אַ נייע וואָר — געדענקט די קינדער!
רייף און רייפער ווערט די זעונג, פול דער צייטן-שטראָם.
דורך דעם גאַנצן אומגליק, דורך די אַלע גרוילן
וועט אַרוים אַ גואל פון דעם שבט פוילן.

1945

אין זאַמאָשטש

דער בלאַסער עילוי, אין די אויגן — תהום און פלאַם,
האָט זיך געקושט מיט מיידלעך אויף די גראָע שטיגן.
ס׳האָט אויך צומאָל געמישט זיך זיין גמרא־ניגון
מיט דעם בן־עירס אַ יידישן, פאַרשייטן גראַם.

געשראָקן האָבן יענע פלאַטערדיקע ציגן
דעם עילוי זאַמאָשטשער. פון זייער שיכרות־סם
האָט ער באַגערט זיך אָפּצוּווערן מיט דעם צאַם,
וואָס אויף דער ערד נישטאָ און קיינער קאָן נישט קריגן.

ער האָט דאָס שיכרות היים אין זיך אַריינגעזיגלט
און אונטער זיבן הימלען ס׳גלוסטעניש פאַרריגלט —
אין ווערטער, ווי אויף גראָז אַ שפּריי אַ זעטיקער.
ס׳האָט זאַמאָשטש נישט אומזיסט געדענקט, געעכאָט צערטלעך
מיט די געטאָקטע לידער, חכמהדיקע ווערטלעך
פון אויסטערלישן דאָקטאָר שלמה עטינגער.

אַזוי האָט לייבושל אין פּרץ זיך צעהעלט.
אַליין — מיט גליִענדיקן אַרץ אַ פּולער שייער.
דער שייער טאָר נישט סתם אַוועק מיט רויכיק פייער:
זיך גובר זיין, ס׳איז נישט קיין קרעטשמע דאָך די וועלט.

דער עיקר איז דאָס ליכט, וואָס פינקלט אומגעהייער.
דער עיקר ס׳פאָלק, זיין צונג, וואָס גלוסט נאָך דעם באַפרייער.
דער עיקר איז די שטיג, צום הימל הויך געשטעלט.

ניו־יאָרק, 1952

אַברהם סוצקעווער

י. ל. פּרץ

גלייך אַ קוואַל, וואָס שלייפט זיך אַן דעם חושך אונטערערדיק,
יעדער מאָל אַלץ קלערער קלינגט אַרויף צו אונדז דיין קול.
האָסט פאַרוואַנדלט אין אַ באַרג אַ יאָמערדיקן טאָל,
און אַהין אַ רוף געטאָן דאָס פאָלק דערפרייט און ווערדיק.

נאָר דאָס פאָלק איז מיד געווען פון דורותדיקן קלעטער.
וויפל מאָל איז עס געבליבן שטעקן אין דער מיט!
האָסטו פון פאַרגאַנגענקייט אַ ליכט אַזאַ געשמידט,
וואָס פאַרקניפּט זי ווי אַ רעגנבויגן מיטן שפּעטער.

און פון קונצן־מאַכערס, פון משוגענע בטלנים
האָסטו אויסגעשטאַלטיקט אונדזער לעבן, אונדזער מיין,
ווי דער סקולפּטאָר, וואָס פון ווילדן גליווערדיקן שטיין
קנעט ער אויס אַן אויסגעטרוימטן גלייבנדיקן פּנים.

אונדזער ביסטו. פייגל צירלען דיין געזאַנג אויף דעכער.
קינדער מאַכן לעבעדיק דיין וואָרט מיט זייער הויך.
און בשעת מיר פּרעגן: ווען מיר דערגיין דיין הייך?
ענטפערט אונדז אַ יום־טובדיקע שטים: אויב נישט נאָך העכער!

1941

פרצעס אוהל

(פראַגמענט פון דער פּאָעמע „צו פוילן")

און דאָרט אויף דער גענשע נאָך וואָרט אויפן גואל
מיט פליגל צעבויגענע פרצעס אוהל
און היט דעם בריליאַנטענעם שטויב פונעם דיכטער,
וואָס האָט אין די געטאָס געשפּרייט זיינע ליכטער,
געלאָדן פאַרזשאַווערט געווער מיט בטחון.
איך שטיי ביי דעם אוהל און זע: אין די מאָכן
ביים ראַנד איז אַ שמאָלע באַהעלטעניש קענטיק.
אַ געטאָ־ייד האָט עס מיט פאָרכט, אייגנהענטיק
אַ היים זיך געבויט ביים אַנטרינען פון שחיטה, —
די גאָלדענע קייט זאָל דאָ האָבן אַ שליטה
און היטן דעם לעצטן, וואָס טוליעט זיין גלויבן
צו פרצעס אייביקע, גלייביקע שטויבן.
ביי טאָג פלעגט ער ליגן פאַרדרייט אין זיין פאָלע
און ווערעמלעך פלעגן אים לערנען קבלה.
נאָר ווען די לבנה מיט ביינערנע פינגער
נעמט אָנקלאַפּן אויבן, — פלעגט ווערן אים גרינגער.
אַרויסקריכן פלעגט ער אין דרויסן פאַרטאַיעט
און זאָגן מיט ליימיקן קול ווי אַ פּייט
ס׳געשריפטס אינעם אוהל־געוועלב: „אַזוי גייען
מיר זינגענדיק, טאַנצנדיק..." דאָס פלעגט דערפרייען,
דערהייבן זיין גייסט אין צעגליטע צירופים
און אויפהאַלטן, שטאַרקן זיין דערנערשן גוף אים.

און איך, וואָס אַהער בין געקומען, כדי צו
געזעגענען זיך — נעם אַרויף אויף מיין פּלייצע
דעם אוהל און וואַנדער אַוועק מיט זיין ניגון,
וואָס גאָר די פאַרגאַנגעניש טוט ער צעוויגן,
און וועט מיר אַ וועג אין די מאָרגנס פאַראַקערן:
— „אַט אַזוי גייען מיר,
די נשמות — פלאַקערן!"

פוילן, 1946

רחל ה. קאָרן

צעגלאַנאַ־גאַס

דורך שטחים וויסטער ערד פירט מיך דער וועג אַהיים,
דורך חורבות און דורך אַש צו דער צעגלאַנאַ־גאַס,
ווו ס'איז איעדער שטיין נאָך היים פון פרישן בלוט,
ווו ס'איז איעדער ציגל אָנגעזאַפּט מיט האַס.

אַמאָל זענען געווען דאָ ווענט און טרעפּ און שוועלן,
און פענצטער האָבן איינגערעמט דעם הימל און די זון,
ווי ס'רעמט די סטראָפע איין אַ טרוים און אַ געדאַנק,
ווי ס'רעמט אַ גרינער ברעג דעם קלאָרן טייך אַרום.

און קינדער האָבן דאָ געשפּילט ביים טויער שעהען־לאַנג
מיט ליאַלקעס און מיט זאַמד, מיט שמאַטקעס רויטע, גרינע —
פול ליבשאַפט און געטריי האָט זיי אַרומגעזוימט
דער שאָטן פון דיין ברייטער, טונקלער פעלערינע.

אויף דיר האָט דאָ געוואַרט דער שטילער באַנטשע שוויג,
עס זאָל זיין ערשטער וווּנטש דורך דיר מקויים ווערן,
אַז צוגיין זאָלסט מיט אים צום כסא של מעלה
און מיט דיין ערדיש וויי פאַרשעמען זאָלסט די שטערן.

פון דאַנען האָט געפירט דער טראַקט צום „אַלטן מאַרק“,
ביסט אים געגאַנגען אָפט צוגלייך מיט יידן אַלע,
און ערגעץ טיף אין זיך געטראָגן האָסט דעם שפּרוך,
דורך וועלכן ס'ווערט דערלייזונג צייטיק און נתגלה.

ס'איז חודש ניסן איצט, און ס'בליען ווי אַמאָל
אין היים מיינער די ווײַנשל אין סאַד און נעבן שליאַך,

ס'פעדימט זיך איין די שוואַלב מיט טונקלעם, שאַרפן פלי
אין נעסט אונטער דעם אַלטן, האַלב-פאַרברענטן דאַך.

מיר קומען אויך צוריק פון ווייטע דערפער, שטעט,
פון וועלדער, בונקערס, לאַגערן און טיפע ערדן-לעכער,
די יורשים פון די זעקס מיליאָנען פרישע קברים,
די יורשים פון דיין ליד, פון דיין „אויב נישט נאָך העכער"...

מאָסקווע, 1945

אַברהם לעוו

י. ל. פרץ

דו ביסט אויך איצטער אונדזער לייכטנדיקער פּאַקל,
דער וווּנדערלעכער שעפער און געביטער.
און מאַך איך אים, מיין אייגענעם סך-הכל,
דאַן ווייס איך:
אַז פון דיין פלאַם, פאַרפלויגן איז אין מיר אַ פונקעלע, אַ שפּליטער.

נאָך אין ישיבה, האַלטנדיק דיין „מאַניש״,
פאַרדעקט אים מיטן טאָוול פון גמרא;
דער רבי פרעגט: וואָס האָסטו דאָרט?
איך ענטפער: גאָרנישט!
(פון ליגן פלאַמען מיר די אויערן)
דעם רבינס אויגן, שאַרפע, בויערן;
זיין קוק ווערט אומעטיק ווי ביי אַן אָבל,
ווען ער נעמט דאָס בוך אַרויס פון אונטערן טאָוול, —
פון מיר, ווי ער וואָלט די נשמה צוגענומען.

און שפּעטער, ווען ביסט לאַנג שוין נישט געווען
האָב איך דיר אין דיין גאָרער ליכט דערזען,
און צווישן מיינע חלוצים-ברידער מידע
האָב איך זיך געפילט,
ווי צווישן דיינע שבת-קודשדיקע יידן;
„מיר גייען זינגענדיק און טאַנצנדיק״
מיט פרייד,
ווען אַקערמעסערס שאַרפע, גלאַנצנדיק
זיי רייסן-אויף אַ שוואַרצן בייט. — — —

פון ווילנער קלויז, ראַמיילעסעס ישיבה,
געקראָגן האָב איך דאָ אין לאַנד מיין תיקון
צווישן מיין קיבוציש-וואָך און וואָר,
און ס'איז מיר קלאָר:
אַז דאָס איז אויך אַ גלגול פון דיין ניגון.

גבעת השלשה, 1951

יהושע גרינבערג

צו יצחק לייבוש פרץ

פון דיין אוהל פאַרשוועכט די ווענט,
דאָך זיי לייכטן, ווי דיינע הענט...
און אויף שייטערס ווערטער דיינע,
אין מיין חושך זונען שיינען.
דיינע טרייע פאַסטעך־אויגן
פון דיין קבר אַרויסגעפלויגן,
אויף „אַלטן מאַרק” זיי וואַכן היינט
נאַכט איז דאָרט, קיין שטערן שיינט...
נאָר דאָס מעסער בליצט פון תהום,
ס'פלעקט מיט בלוט דיין העלן טרוים...
דיין „געבעט” זיך וואַרגט אין דעמער,
אין לעצטן קרעכץ פון שחיטה־לעמער...

— — — — — — — — — — — —

און די נייטאָרינס דיינע דריי,
ווו זענען זיי? ווו זענען זיי!
בלאַנק די שווערד, רויט דער שניי,
ווו זענען זיי? ווו זענען זיי!

— — — — — — — — — — — —

נאָר „באָנטשע שוויינ” שווייגט נישט מער!
דערשטיקט אין זיך יעדע טרער,
שרייט און דונערט היינט זיין מויל,
און יעדעס וואָרט — אַ ביקסן־קויל.
און דו אַליין: אין „סערמענגע”־זאַק
פון גאַרטל שלעפּסט דעם צדיקס האַק;
שפּרייזט און שניידסט זיך איין אין וואַלד,
אויף מערדער־קעפּ די האַק זי פאַלט.

— — — — — — — — — — — —

אָט אַזוי דיין „גאָלדענע קייט"
אין יום-טוב פון מאָרגן צעזונגען זי גייט
מיט רינגען מיט נייע פון שטאָל, וואָס צעגליט —
אויף תליות, אין פייער און שלאַכטן געשמידט
און רינג צו רינג — די קייט ציט זיך ווידער!
און דו ביסט די קרוין פון שטאָלענע בריִדער...

חיפה, 1945

אַברהם זאַק

ביים אוהל פּרץ

מיר האָבן נישט קיין קברים,
קיין בערגל נישט, קיין שטיין...
צו וועמען־זשע זאָל קומען
אַ ייִד מיט זיין געוויין?...

צו דיר, אָ, פּאָטער פּרץ!
מיר קומען דאָ אַהער —
פון אַלע גלות־וועגן,
איעדער מיט זיין טרער.

נישטאָ דאָס פּאָלק ישראל,
נישטאָ, אָ, גרויסער מאַן!
פון אַלע דיינע ייִדן
יחידים בלויז פאַראַן.

נישטאָ די זין און טעכטער,
קיין ייִדיש גאַס און שטוב.
אפילו נישט געבליבן
קיין קבר נישט, קיין גרוב.

עס קלינגט נישט פון קיין פענצטער,
עס קלינגט נישט מער דיין ליד.
עס קומט נאָר אויף די חורבות
אַמאָל אַן אָבל־ייִד...

ער בלאָנקעט צווישן ציגל,
ער בלאָנדזשעט אום אַן ציל.

די שאָטנס פון די קדושים
באַגלייטן אין דער שטיל...

— — — — — — — —

צו דיר, אָ, פּאָטער פּרץ!
מיר קומען דאָ אַהער —
פון אַלע גלות-וועגן,
אַיעדער מיט זיין טרער...

לאָדזש, יוני 1946

אהרן צייטלין

וואַרשע אין 1912

(פראַגמענט)

— — — — — — — —

פאַרביי — און ווידער
גיסט איר זומערדיקן האַרמידער
די גאַס.
אַ געזעצטער מאַן מיט דיקע וואָנצעס פּריצישע,
הייסע אויגן, פול מיט כּישוף און להטים,
אַ קורצן ברענענדיקן אָטעם,
קומט אָן מיט שנעלן פעסטן טראָט.
זיין שוואַרצע פּעלערינע פליגלט —
אַ פלאַטער און אַ פאָך, אַ פלאַטער און אַ פאָך.
פאַרגאַפט
לויפן פענצטער אים נאָך.
דורות, וועלטן, קלאַנגען
יאָגן זיך נאָך אים,
ווילן אים דערלאַנגען,
און ער — ער פליט, ער פליט
אין גאַנצן כּישוף, גלאַנץ און קאָך.
אַ פאַרחלומט יינגל קוקט אים נאָך
מיט פרומען ציטערדיקן דרך־ארץ.
ער ווייסט דאָך ווער דאָס איז —
ס'איז יצחק לייבוש פּרץ.

ווען ער פאַרשווינדט
ווי אַ הייסער ווינט
הינטערן ראָג,
ווי ס'וואָלט אים צוגענומען מיט דער פּעלערינע

אַן אַנדער וועלט, אַן אַנדער טורעם, —
דערלאַנגט פון אַן אָפּענעם פענצטער
אין גאַס אַריין אַ זעץ, אַ שלאָג —
אַ גראַמאָפאָן.

אַ גראַמאָפאָן אין וואַרשע
וויינט אַריבער קיין אַמעריקע,
בעט זיך אין גראַמען:
„אַ בריוועלע דער מאַמען
זאָלסטו נישט פאַרזאַמען;
שרייב, מיין קינד,
שרייב געשווינד
אַ בריוועלע דער מאַמען!”

וואַרשעווער גראַמאָפאָן פון ניינצן הונדערט צוועלף
וואָס דיין געוויין האָט זיך צו מיר דערטראָגן
אין ניינצן הונדערט פערציק פינף!
איך קאָן דיר זאָגן
פון דאַנען, פון ניו־יאָרק,
אַז ס׳איז גאָרנישט מער געבליבן.
אַלע וואָלטן מיר געשריבן
אַ בריוועלע איבער ימען,
אַ בריוועלע דער מאַמען,
אָבער —
וווּ איז די מאַמע?...

1945

נאָכקלאַנג צו „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק"

דער דיכטער (פּרצעס שאָטן):

נאַכט איבער פּוילן... ווידער בין איך דאַ,
ווידער בין איך אויפן מאַרק דעם אַלטן.
מתים מיינע, ווּ האָט איר זיך באַהאַלטן?
איך, באַשווערער, קום אויפסניי באַשווערן.
לאָזט זיך זען! לאָזט זיך הערן!
אויפגעשפּילט זאָל ווערן
די אַלטע שפּיל — —
געדענקט איר? פון אַלע קברים
האָב איך אייך באַשוווירן,
געוואָלט אייך געבן
וואָס איר האָט פאַרלוירן...
אַ נאַכט האָב איך געכישופט,
געזוכט די אַבידה, געמיינט, אַז געפונען —
פאַרטאָג מיטן האָן-קריי
זייט איר צערונען.
פאַרלאָזט דעם מתים-מאַרשאַל,
דעם אויסגעלאַכטן קאָמאַנדיר...
און דאָך — ערגעץ מוזט איר נאָך זיין.
ס'מוז נאָך פירן אַ טיר
פון אייך צו מיר —
טאָ פראַלט זי אויף און קומט אַריין,
קומט אַריין, קומט אַריין,
מתים פון מיין דור,
שאָטנס פון מיין וועלט.
כ'האָב אייך באַשוווירן! כ'האָב אייך באַשטעלט!
שוועבט אָן, שוועבט אָן, איר געשטאַלטן!
פאַר וואָס אָן ענטפער? פאַר וואָס אַזוי שטיל?

וואָס האָט פּאַסירט דאָ אויפן מאַרק דעם אַלטן?
די נאַכט דערקענט מיך נישט,
איך דערקען נישט די נאַכט —
וואָס האָט זיך דאָ אַזוינס געמאַכט,
אַז מיר דערקענען זיך נישט?

געזאַנג פון ערגעץ:

ציגעלע, מיגעלע, קאָטינקע,
רויטע פּאָמעראַנצן.
אַז גאָט לאָזט פאַרברענען זיין פאָלק ישראל,
גייען די גוּיימלעך טאַנצן.

דער דיכטער:

פון וואַנען, ליד, פון וואַנען?
וואָס ווילסטו?
כ'האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען...
מלאך פון טויט, גיב אַ שווים ווי אַמאָל
אויף זיידענע פליגלען — און ברענג מיר אויף זיי
אַלטע ליבע, אַלטן וויי,
פון יידיש-פוילישן טאָל
די געשפּענסטער, די קלאַנגען,
אַלץ, וואָס פאַרגאַנגען
און נישט צעגאַנגען...
געראַנגלען, פאַרלאַנגען...
הוריות... שאָטנס אויף שניי...
די מתים מיינע ברענג מיר —
וואָס בין איך אָן זיי?

מיין דור וויל איך צוריק.
זאָל זיין שאָטנדיק־זיסע מוזיק
מיך, דעם מכשף, פאַרכישופן...
זאָל זיין, אַז מיטן ערשטן קריי
וועלן זיי ווידער פאַרשווינדן,
אַבי פון ס׳ניי זאָל זיך צינדן
דער אַלטער מאַרק
אין פיבערדיקע פייערן...
אַבי צו פאַרנעמען דעם טייערן
געמורמל פון שאָטנס, וואָס זענען געווען
מיין פוילן, מיין יידיש פוילן...
וואָס אונטער דיינע פליגלען איז פאַרהוילן,
מלאך פון טויט,
צי אַרוים,
באַווייז
איבעראַניים.
דעם איבער־ייד ווייז, רב שלמהן,
דעם ליכטיקן שבת־ייד ווייז,
וואָס אַרום אים האָבן וויים
געפלאַטערט מיינע טרוימען.
ווייז ס׳קלעזמערל מיט דעם פידל אין הארץ,
ס׳כלה־מיידל, וואָס העפט ס׳פרוכת,
די אַלטע בעלי־בתים מיט די אייזערנע מוחות
און גאָלדענע עטרות,
פאָלק, וואָס לאַכט
אין זיין טיפן קעלער מיט צרות,
דעם קלויזניק ביים שטענדער,
דעם בטלן, וואָס יאָגט זיך נאָך זיין איך
און קאָן אים נישט כאַפּן,
און די, וואָס גייען לינקס צו רעוואָלוציע,
און די, וואָס באַגערן צו ציון דער היים,

און די, וואָס בלוטיקן געהיים
זייער יחיד־וווּנד אוים,
און דעם זינדיקן אין פּאַליש אויף דער קייט,
און אַלץ, וואָס האָט מיך באַגלייט,
אַלץ, וואָס איז אין פּיין און געזאַנגען
מיט מיר געגאַנגען — — —
שוועב אָן, דו מלאך! רויש אויף!

מלאך המוות:

ווער רופט עס מיך פון גאַז־אויוון אַרויס?

דער דיכטער:

אָ, קום —
און ווייז מיר מיין וועלט! האָסט געדופּטיקט אַמאָל
ווי אַ בלום
אין גאָטס האַנט —

מלאך־המוות:

בראַנד — בראַנד — בראַנד —

דער דיכטער:

— — — און ליב איז מיר געווען דיין ווילגערוך...
וואָס צעגערסטו? וואָס גאַפּסטו?

אויסטערליש קוקסטו מיך אָן.
וואָס האָט פּאַסירט?
ווּ זענען דיינע פליגלען?
ווּ די שטערנדיקע תהומות פון די אויגן?
ווי נאַקעט דו ביסט, ווי הויל!
גרויל — אָפּגעפליקטער גרויל —
אַש און קויל —

מלאך־המוות:

נישטאָ מער אַמאָל און אַמאָליק!
די פליגלען מיינע האָט עמלק
פאַרברענט מיט דיין פאָלק בייַנאַנד.
פון גאַז־אויוון קום איך. מיין נאָמען איז בראַנד.
אוים בית־עולמס,
אוים תכריכים, אוים קדיש, אוים קבר־ישראל,
אוים שטילער שוידער,
אוים כישוף־פּלעמל, מתים־געזעמל,
אוים יענע־וועלטיקער ניגון,
יענע־וועלטיקע רו.
אוים בר־מיננס, וואָס לעבן אין פיבער־נעכט אויף
אויף דער באַשווערונג פון אַזעלכע ווי דו.
קיינער פון די דייניקע נישטאָ —
נישט אַלט, נישט יונג,
נישט פרום, נישט אומפרום, נישט רעכטע, נישט לינקע.
נישט קיין מלאך בין איך, נאָר אַ לעצטער „אוי"
פון אַ ייד, פאַרברענט אין טרעבלינקע.

ניו־יאָרק, 1945

חיים לייב פוקס

יצחק לייבוש פרץ

שטילער... שטילער... וועלטן, דורות,
האַלט דעם אָטעם איין!
טיקט און לעשט זיך די מנורה,
אין איר לעצטן שיין.

פונעם הימל אין דער נידער,
פלאַטערט זי אַראָפּ,
צו דעם קלאַנג פון קינדער־לידער
פרץ נייגט זיין קאָפּ.

לעשן זיך די אויגן זיינע
אין מנורה־פלאַם;
דוכט זיך מיר: איך הער אַ וויינען —
קינדער קלאָגן מאַמ — — —

יצחק לייבוש פרץ גוססט —
שטיל זאָל זיין און שאַ!
אין דער לופטן זע איך אותיות,
קלאָר איך לייען זיי: **שמע!**

שמע ישראל — הער איך שרייען
שטיל; אין העכסט געוואַלד!
און עס דוכט מיר: — כ'הער אַ גייען,
און איך זע אַ וואַלד...

ביימער שטייען אויסגעצויגן,
קעפּ — צעבליט און שטאָלץ,

איז עס ער? איך רייב די אויגן —
יאָ, — מיט האַק און האַלץ,

דאַרער גוף אַרומגעגאַרטלט
מיט אַ פּראָסטן שטריק,
ווי ער וואָלט אים אָפּגעוואַרט דאָ,
זע איך פון זיין בליק...

ביאַלער רבי... — וויל איך רופן,
נאָר עס שטומט מיין וואָרט,
און איך זע: פון ביידע גופים,
ווערט איינער אויפן אָרט...

פון דעם האָלץ עס ווערט אַ מנורה,
פלאַם — עס ווערט פון שטריק,
ערשטער דור מיט סוף פון דורות,
פון פלאַם צו מיר עס בליקט...

פון דער נידער אין די הויכן,
שטייגן זיי אַרויף...
— טוליע איין מיך אין דיין תוכן —
פריץ, — ביז מיין סוף!...

לאָדזש, 1947

ל. אַליצקי

באַלאַדע וועגן אַ גאַנג צום אוהל־פּרץ

מיט דעמער שאָטנט אָוונט די שפּאַצירער־מאַסן.
עס טונקלען די עלעקטרע־לאָמפּן אין די גאַסן.
מע קוקט מיר נאָך, דעם טרויעריקן ייִד, דעם בלאַסן,
וואָס צווישן פרעמדע צענדליקער אַליין שפּאַציר איך.
איך בין נישט איינזאַם, מענטשן, מיינע קינדער פיר איך.
איך שלייך, דער יידיש־לערער פון דער שול דער מילער*,
און הינטער מיר — די הונדערטער פאַראַשטע שילער.
איך בין אַליין אַ גולם אַש, און — גאָט זאָל היטן —
אַ ליאַדע ווינט־בלאָז — מיר וועלן זיך צעשיטן.

די שטאָט איז הינטער אונדז שוין, און מיר שלייכן ווייטער.
די וועלט אַרום איז וויסט — אַן אויסגעברענטער שייטער.
נאָר שטערנדלעך פון הימל בלינצלען, שמייכלען: — קינדער,
ער וואַרט אויף אייך, ווי אַלע יאָר, נו, קומט געשווינדער.

צום אוהל־פּרץ שפּאַנען מיר, געשולטע רייען.
ס'גייט אויף אַ שימער, ווי לבנה־שיין אויף שנייען,
אויף אונדזער אַשיקייט. די געגנט ווערט באַקענטער
און היימיש־האַרציקער; מיר קומען נענטער, נענטער.
דאָס געטאָ, ס'ליגט פאַר אונדז באַלויכטן — שטויב אויף ציגל,
און פאַליעט זיך מיט זילבער־שיין — אַ ריזן־שפּיגל.

דער גענשער וואַרשעווער בית־עולם — אַ געהיימער
אין שיין פון לייכטנדיק געצווייג פון ביימער;
און אָפּגעדעקטע שפּרייטן זיך צו אים די וועגן.
— פון וואַנען אַזאַ כישוף־ליכט? — די קינדער פרעגן,

---

* יידיש שול אויף מילע גאַס אין וואַרשע

און ס׳צינדן זיך שוואַרצאַפּלען זייערע פּאָר וווּנדער:
מע זעט דאָך נישט קיין צייכן פון דער זון דער רונדער!

מיט שנעלע טריט פּאָרוים צו דעם בית־עולם שפּרייז איך,
אוּן כ׳שטרעק די האַנט, און מיט אַ ציטער־פינגער ווייז איך —
די קינדערלעך פּאַרריסן אויסגעשטרעקטע קעפּלעך — —
עס נידערט פּרץ פון זיין אוהל מיט די טרעפּלעך,
און ס׳פלאַטערן אויף איב, ווי פלאַמען, די תכריכים:
— געבענטשט זאָל זיין דער אָנקום פון מיין פאָלקס שליחים! —
און מיר, פּאַראַשטע, ווערן דורכגעלויכטן אַלע:
ס׳ווערט ליכט אין ליכט דורך זיך אַליין נתגלה
און צו דער הייך און „נאָך העכער״ פון הויך נתעלה...

לאָדזש, אַפּריל, 1947

פרץ און דער אייזל פון זיין פאַבל

„...עפּעס ציטערט נאָך אין אים
פּאַר אייזל־מוסר און אייזל־פּוס...“

(פון י. ל. פּרצעס אַ פאַבל)

ס׳האָט פּרץ (נישט צום ערשטן מאָל)
גענומען זיך אַ משל פון אַן אייזל שרייבן:
פאַראַן דאָך אייזלדיקע מענטשן אָן אַ צאָל —
איז וויל ער זיך צו זיי אויף אים דערקלייבן.
נאָר היינט האָט זיך דער אייזל איינגעשפּאַרט, אַז: — ניין!
כ׳וויל מער שוין, פּרץ, אין דיין שפּאַן נישט גיין;
איך קאָן שוין מער נישט, און איך וויל נישט שווייגן;
דו ווילסט דעם מענטשן מיט אַ פאַבל איבערציַיגן,
ער זאָל קיין שוטה, פינצטערלינג און קנעכט נישט זיין?
איז מהיכאַ־תיתא, זייער גוט און פיין;
דו מעגסט אפילו מיט דיין פאַבל־דיכטונג שטייגן
אויף דעם פּאַרנאַס און זיך דערוואַרבן רייכקייט, רום, —
נאָך אַלץ זיך אויפן אייזלס חשבון איינצושאַפן?
צי איז דאָס גלייך אַזוי־אָ? ניין, ס׳איז קרום! —
ס׳האָט פּרץ אויסגעהערט די טענות און גענומען גאַפן:
ער רעדט דאָך גאַרנישט ווי קיין אייזל! הערט נאָר, הערט,
אין לעבן טרעפן זיך אַזעלכע ווּנדערלעכע טראַפן —
ס׳רעדט אַן אייזל ווי אַ מענטש! און מיר איז דאָס באַשערט
צו זיין דערפון אַ לעבעדיקער עדות;
דאָס לעבן שטעלט פאַר דיר אַ רעטעניש — באַשייד עס!
און ס׳איז זיין האַנט געבליבן הענגען מיט דער פען:
לעת־עתה איז דאָס העכסטע, וואָס איך קען —
זיך אָפּהאַלטן, און זאָל דערווייל דער אייזל שווייגן!
נאָר ס׳האָט דער אייזל נאָך מיט מערער ברען
די שטימע אויפגעהויבן, אים צו איבערציַיגן,

און זיך גענומען זידלען אויף אַ קול אים:
— דו ביסט... דו ביסט אַן אייזל, נישט קיין בעל-משלים!
באַלד גיב איך מיט דער קאַפּיטע אין קאָפּ דיר און צעמאָל אים! —
האָט פּרץ אַ באַוועג געטאָן די פּען און פריילעך זיך צעלאַכט:
נו, כ'קאָן שוין אָנהייבן דעם פאַבל, וואָס איך האָב פאַרטראַכט —
„אַן אייזל, וועלכער רעדט אויף שבעים שפּראַכן".
און ס'וועט זיך אויסוויקלען דער נמשל זייער ווויל:
ווען ס'הייבט אַזאַ מין אייזל אָן צו ריידן גלייכע זאַכן,
אויך דעמאָלט זאָלסטו תיכּף אים דאָס מויל פאַרמאַכן.

*

האָסט, פּרץ, זיך געקאָנט פאַרגינען לאַכן:
דער פאַבל-אייזל וואַרפט נישט אָן קיין גרויל;
וואָס וואָלסטו אָבער טאָן, ווען ס'וואָלט זיך מאַכן —
אַ נמשל-אייזל עפּנט אויף אויף דיר אַ מויל?
אוי, מיך, דיין תלמיד, האָט אַזוינס געטראָפן —
זאָל גאָט מיין ערגסטן שונא שוין דערמיט נישט שטראָפן!

וואַרשע, 1951

משה שולשטיין

#ביים אוהל פון י. ל. פּרץ

יעדע נאַכט קום איך צו צו זיין אוהל,
און כ׳קלאַפּ-אָן אינעם הייליקן שטיין,
און איך בעט, ווי מען בעט ביי אַ גואל:
זאָלסט מיין ליכט און מיין וועגווייזער זיין.

ווי ס׳קערט-אום זיך אַ שוואַלב צו דעם אַלטן,
צום אַמאָליקן דאַך פון איר נעסט,
קום איך צו, כ׳וויל מיין קאָפּ דאָרט באַהאַלטן
אין געצעלט, וואָס מיין בליק נישט פאַרגעסט.

כ׳וויים נישט, רעד איך צום קבר דאָרט, פאָטער,
פון מיין טאַטנס און מאַמעס געביין;
פון קיין קברים פון קרובים, פון נאָענטע —
זאָל-זשע ס׳קבר דיינס זייערס אויך זיין.

ס׳איז דיין היים אין דיין יאָרצייט פאַרשוווּנדן,
אין אַפּריל, אין דיין פּטירה-צייט גראָד,
מ׳האָט קיין ליכט צו דיין אָנדענק געצונדן, —
ס׳האָט אין אומקום געברענט אונדזער שטאָט.

און געאַמפּערט האָט זיך טיר-און-טויער,
און געראַנגלט האָט זיך יעדער שטיין,
אַז נישט אויפהערן זאָל אונדזער דויער,
אַז נישט אויסגיין זאָל קיין מאָל דיין שיין.

קום איך צו יעדע נאַכט צו זיין אוהל,
— ס׳איז דער וועג דאָרט אַהין — חורבות בלויז, —

און איך רוף צו זיין הייליקער מויער:
זיי די שוועל פון מיין היים, פון מיין הויז!

ווי ס'האָט משה אין מדבר, אין וואָגל,
געשלאָגן וואַסער אַמאָל פונעם שטיין,
וויל איך דאָרט, צווישן חורבות, היינט שלאָגן
פון דיין אוהל נחמה און שיין.

פּאַריז, 1947

צום 100סטן געבוירן־טאָג פון י. ל. פּרץ

ווי אומעטום, גרינט אויפן געגשער בית־עולם
ווען ס'קומט־אָן דער פרילינג און בליטן באַנייט,
דער מינדעסטער גראָז אונטער שטיינער פאַרהוילן
געדופן ווערט אויך פון די שליחים פון צייט.

און ביימער פאַרצאָגטע שוין שטייען פאַרבליפּטע,
אין אויסשטייער ווייסן די זון טוט זיי אָן;
זיי וועלן באַשיטן דעם אוהל פון נפטר,
וואָס שטייט ווי אַן אַלטער, פאַרכישופטער טראָן.

וואָס אים האָט אויף אייביק דער מלך פאַרלאָזן,
נאָר אייביק פאַרבליבן איז דאָרטן זיין רום,
און ווי עס באַנייען זיך צווייגן און גראָזן —
ער ווערט אויך אין פרילינג באַנייט אומעטום.

איך מאַך זיך אַ וועג דורכן ברוכוואַרג און צאַמען,
די בליטן פון אוהל כ'שאַר זאָרגפעליק אָפּ,
און דאָרט, אין זיין טיף, ווי אין שוים פון אַ מאַמען,
אין שווייגן איך לאָז איצטער זינקען מיין קאָפּ.

איך מאַך זיך אַ וועג דורך די צאַמען פון צייטן,
כ׳שאַר אָפּ, ווי די בליטן, אַ יאָר נאָך אַ יאָר.
אַ גאַנצער יאָרהונדערט... איך לאָז מיך באַגלייטן
זיין גאַנג, און זיין לעבן פון דור צו אַ דור...

דער נפטר שטייט־אויף און מיר לאָזן זיך שפּאַנען
דורך לײדיקע גאַסן אַוועק צו זיין היים.
אין האַרץ מיינס פאַרבאָרגן זיין הויז אויף צעגלאַנע
שטייט ווי אַ פאַרצויבערטער פּאַלאַץ, געהיים.

איך האָב עס נישט קיין מאָל געזען אין מיין לעבן
און כ׳וועל עס נישט זען... ס׳האָט מיין האַנט נישט באַרירט
זיין גלעקל ביים טיר, נאָר מיר דאַכט זיך, עס שוועבן
די קלאַנגען אין חלל אַרום, וואָס וויברירט.

עס האָט זיך, דאָס גלעקל, אין האַרצן פאַרקליבן,
באַהאַלטן אַזוי ווי אַ גריל צווישן ווענט,
עס קלינגט ווי אַ ניגון פון יאָרן פאַרבליבן,
עס קלינגט ווי דער ערלעכסטער שפּיל־אינסטרומענט.

כ׳הער קלינגען די צייט: גאָרדאָוואָיען, נאַהייקעס,
דאָס פּאָכען פון קנוט און פון פערדישן עק,
געפּלאַטער פון פאָנען און לידער פון שטרייקערס,
צעריסענע ברוקן און טראָנען אין שרעק...

ער הערט אַלץ, ער הערט אַלץ, דער מאַן פון צעגלאַנע,
פאַרזונקען דאָרט אין זיין פּאַפּירענער וועלט,
ער האָט פאַרן דונער־געהילך פון טיטאַנען
מיט בויגנס פּאַפּיר זיין געהער נישט פאַרשטעלט.

דער מאַן איז גראָד איצט אויף גזשיבאָווסקע פאַרנומען,
פאַרזונקען אין אַנדערע בויגנס פּאַפּיר,
דער טינטער דערמאָנט אים אין קבר אין שטומען,
דאָס ווייס פון פּאַפּיר — אין תכריכים־קאָליר.

דער מאַן איז פאַרנומען מיט קרקעס, עגלות,
מיט פערד אין געוואַנטן אין טונקלע פאַרדעקט;
ווי ס׳פּאַכען פון מלאך־המוות די פּאָלעס —
זיי וואַרפן אויף קינדער אַן אימה, אַ שרעק.

וואָס קומסטו מיר, טויטן־טוך, איצט אויפן זינען?
דער מאַן פון צעגלאָנע איז לעבן, איז מוט!
אַוועק! איך וויל זען בעסער זיין פּעלערינע,
זיך איינטוליען שטיל אונטער איר איז מיר גוט. —

ער האָט זי אויף אונדז, ווי דער אָדלער די פליגל
אויף עופהלעך זיינע, פאַרשפּרייט און פאַרדעקט,
און דאָרט, פון איר וואַרעם, איז לעבן געשטיגן,
דאָס בלוט האָט געזונגען, דאָס ליד האָט געוועקט.

ער האָט זי פאַרשפּרייט אויף אַ ווייטן מהלך,
נאָר קיין מאָל פאַרדעקט, נישט די שיין, נישט די וואָר,
אָפּער איז, ווי פון אַ געווינערינס ליילעך,
דאָס שווייגן פון באַנטשען — געשריי פון אַ דור.

און ווי אַ בונטאַר הינטער פּאָלעס פאַרבאָרגן,
ער טראָגט הינטער איר דעם נעמיראָווערס האַק,
פאַרעקשנט זי ברענגט, קעגן שפּראָץ פון פרימאָרגן,
די ליבשאַפט אין העלצער פאַרבונדן, פאַרפּאַקט.

געגאַנגען פון איר איז אַ וווּנדערלעך קלינגען,
וואָס אומעטום האָט עס דאָס ליד מײַנס באַגלײט.
דאָס האָט זי אין פּאַליש צעריסן די רינגען
פון בלײַכן, געשמידטן פאַרמשפּטנס קײט.

איך האָב פאַר דעם קלינגען אין וואָגל דורך צײַטן
געטראָגן אין האַרצן מײַן ליבשאַפט און דאַנק,
ווײַל ווי קאָן דען זײַן פון צעשמעטערטע קײטן,
צעריסן אויף הענט — נאָך אַ שענער געזאַנג?

— — — — — — — — — — — — — —

נאָך הער איך אין אוהל אַן אָפּקלאַנג פון פּאַליש
כאָטש אויפן בית־עולם איז פאַרכטיק און שטיל,
אַפּריל — און אַ פויגל זינגט־אויף מעלאַנכאָליש,
ווי זינגען וואָלט ער פון אַ צווייטן אַפּריל,

ווען ס׳האָבן אין פרילינג די ביימער געטרויערט,
ווײַל ס׳האָבן קיין קנאָספּן שוין מער נישט דערבליט;
דער פלאַם־וואַרפער האָט פון די לעכער געלויערט —
פאַרשרפען דעם פרילינג, פאַרצערן דעם צוויט.

דער נפטר זיך שלייכט צו פאַרפּייניקטע קנאָכנס
פון גוססן געטאָ — מיט ברכה און טרייסט;
עס האָט אַלע וואכן און ווענט דורכגעבראָכן
די שאַרף און דאָס שטראַליקע ליכט פון זײַן גייסט.

צו פינצטערע בונקערס, פאַרבאָרגענע טיפן,
צו מורדים ער טראָגט דעם נעמיראָווערס האַק,
איר שאַרף האָט ביים צאָרן פון פאָלק זיך געשליפן,
צו פאַלן אויף שאַרבנס פון פיינט ווי אַ פּסק.

אין שטילקייט די טיפן דאָרט זידן און גרימען,
אַ פונק צו אַ פונק ווערט געקליבן צום שטרייט.
זיין שטים, דאַכט זיך, הערט זיך אויך צווישן די שטימען:
דורך שטאַרבן מיט כבוד צום לעבן זיי גרייט!

די ביקסן אין אויפשטענדלער־הענט ווי מנורות,
באַלייכטן דעם וועג צו נקמה און טאַט,
פאַר לאַנגע געדולדיקע עוולות פון דורות
עס פּלאַצן די הערצער ווי ס׳פּלאַצט דער גראַנאַט.

און מויערן פּלאַצן צעפּליקטע אויף שטיקער,
עס שטיקט זיך דער ווילן אין רויך און אין בלוט,
עס פאַלן די ווענט פון דער גענשע און דזשיקע,
נאָר ס׳פאַלט נישט ביי קעמפער די גבורה, דער מוט.

און אָט איז דער גיבור דער לעצטער אויף דעכער,
מיט פאָן און מיט גלאָריע און פלאַם אויפן קאָפּ,
ער קלעטערט צום הימל — און אויבן נישט נאָך העכער.
דער כסא־הכבוד אַליין רוקט זיך אָפּ.

— — — — — — — — — — — —

און שטיל איז אין געטאָ, ווי אויפן בית־עולם,
די קעמפער די לעצטע פון לאַנג שוין אַוועק.
נאָר, דאַכט זיך, זיי גייען, פון שלאַכט־רוף באַפוילן,
צי אפשר פון מיינע מחשבות דערוועקט.

צום יאָרצייט אַהער זענען אַלע געקומען,
פון קראָמען און קעלערס. די פּרץ־שול גייט.
עס גייען די קינדער מיט העפטן און בלומען,
נאָר עפּעס אַ שווייגן זיי אַלע באַגלייט.

זיי האָבן צום יאָרצייט געגומען זיך גרייטן.
נאָר האָבן דאָס ליד נישט דערלערנט צום סוף,
די גרוב האָט זיי אַלע פאַרשאָטן באַצייטנס,
איין וואָרט פונעם ליד האָט געבעטן זיך: „האָף!"...

עס זאַמלען זיך אויף די סקעלעטישע ביינער
ביינאַכט אויפן אַלטן און חרובן מאַרק,
זיי שרעקן נישט קיינעם, עס שרעקט זיי נישט קיינער,
עס האָט זיי אַ קראַפט אַ געהיימע געשטאַרקט.

זיי ווערן שוין מער נישט פאַרשווּנדן צעטראָגן,
ווען ס'קרייעט דער האָן אויפן פּלויט בעת עס טאָגט,
דער נאַרישער האָן קאָן זיי מער נישט פאַריאָגן
זינט ס'האָט זיי דער דייטשישער טאַנק נישט פאַריאָגט.

זיי גייען אין טאָג אַריין אָפן, בפרהסיא,
עס שאָרכן תכריכים, עס קנאַקט דאָס געביין,
די חרובע שטאָט, ווו עס ציט די פּראָצעסיע,
וועט מער שוין קיין הפקרע קרעטשמע נישט זיין...

און אָט איז די עדה דאָס טויער אַריבער,
פאַרפלייצט די אַלייען, די קברים פאַרדעקט,
אַ האַסטיקער טייך אין גערודער גייט-איבער,
און מיך — ער פאַרשווּענקט ווי אַ שטיינדל ביים ברעג.

אָט גייט פון דער קלויז דער פאַרקלערטער מקובל,
די נייטאָרין גייט מיט דער נאָדל און שער,
דער מאַן מיט דער זעג, מיטן האַמער און הובל,
דער מאַן מיט געהייליקטער פאָן און געווער;

די אויפשטענדלער גייען, די שטערנס געלעכערט,
נאָר אונטער די שטערנס אַ חלום איז גאַנץ,
דעם טאַש פון פּאַטראָנען, די פלאַמען פון זעכער,
זיי ליגן ביים אוהל אַוועק ווי אַ קראַנץ.

זיי האָבן די ווענט פון דער ענגשאַפט צעבראָכן,
די אייגענע קעפּ אויך צעבראָכן אין שטיין,
בכדי זייער טויט זאָל אויך זיין אַ נצחון,
דעם נפטר אין אוהל מודיע צו זיין:

מיר האָבן דיין נאָמען פאַר דורות געראַטעוועט
מיר האָבן אַ פאָלק פון דער בושה באַפרייט,
מיר האָבן די אייזערנע קייטן צעשמעטערט —
צו טראָגן אויף אייביק די גאָלדענע קייט.

1951

אויף קבר־אָבות

איך קום מיין פּנים אין דיין טונקלער הוילעניש באַהאַלטן,
כ׳לייג צו מיין קאָפּ צום שטיין, ווי צו אַ מוטערס שויס,
און פּלוצעם פלאַץ איך ווי אַ וואָלקנבראָך מיט יאָמער אויס,
וואָס האָט אין הארצן נישט געקאָנט זיך מערער האַלטן.

איך האָב געמיינט, כ׳וועל אונטער דיין געוועלבונג רו געפינען,
ווי אונטער לאַנג־באַגערטן פאַטערלעכן דאַך,
נאָר שטיינער, שווערערע ווי דיינער, ליגן אויפן הארץ אַ סך,
און ס׳קאָן דער צער און אומרו נישט פון דאָרט אַנטרינען.

ווי דער, וואָס דעם געביין זיינעם אַ פאַנצער ביסט זינט יאָרן,
פלעגט טיילן זיך מיט זיינע דלת אמות, מיט זיין שוועל —

איך בעט דיך, זאָלסט זיך טיילן איצטער, טעמפּל מיינער און געצעלט,
מיט שבת־יום־טובדיקע יידן, קברלאָזע, אָן אַ שפּור פאַרלאָרן.

זיי אויך פאַר כאַריקן, פאַר קולבאַקן און האָפּשטיינען די לעצטע וווינונג,
פאַר אַלע ריטער און קדושים פון מיין אומה און מיין שפּראַך,
גיב רו דאָרט מאַרקישן און בערגעלסאָנען אונטער דיין געוועלבטן דאַך,
און ס׳גאָלד פון דיינע אותיות טו אָן זיי אויף די קעפּ ווי קרוינען.

אַ תיקון גיב זיי אַלע דאָרטן, ווי אין אונדזערע מחשבות,
די, וואָס נישט זוכה זענען צו אַ ברעטל און אַ שטיין,
אַז איך זאָל וויסן ווו צו קומען כאָטש מיט בלומען און געוויין,
ווען עולה־רגל־זיין וועל איך אַמאָל צו דיר אויף קבר־אָבות.

מ. וואַלדמאַן

צו פּרצן

כ׳הייב אויף מיינע אומעטיקע אויגן,
צו דיין ליכטיקן געשטאַלט
און בעט ביי דיין קלוגן בליק,
ביי דיין לויטערן גייסט —
טרייסט!

דיין שטאָט איז געשענדט,
צוזאַמען מיט דיין פֿאָלק! — — —

— — — — — — — — — — — —

באָנטשע איז צו דער צייט אַוועק אין הימל,
נאָר בערל כּאַנטשעס, ווו איז זיין געביין?

אויפן אַלטן מאַרק,
פֿאַרקאָוועט אין אַ רינג,
שטייט דער ליץ
אויסגעשניטן די צונג
און כליפּעט אַ געוויין...

ס׳איז נישט ביינעשטאַנען אונדז דער זכות
פֿון רבין פֿון „נאָך העכער״.
מ׳האָט אויסגעהאַקט דעם וואַלד...
נישט דער משולח, נאָר ווינט צעטראָגט ס׳געוואַלד.

אַרוים פֿון היילן און פֿון לעכער...
געשלאָסן בלייבט דער הימל פֿאַרן רוף
און ס׳גייט דאָס פֿאָלק געבונדן, ווי אין שטראָף —

— — — — — — — — — — — —

לאָמיר אויפהייבן די „דריי מתנות",
וואָס זענען געבליבן אין שטויב,
פאַרשעמטע ביי ראַנד
פון ריזן־גרוב — פון אונדזער קבר,
כאַטש עס ציטערט אונדזער האַנט,
ווי יעדעס שטויבל זיין עס זאָל אַן אבר — —

— — — — — — — — — — — —

לויפט דער בדחן אָן,
ווי אַ ווינט צעפלויגן,
צעקרימט ביי אים דאָס מויל
צעשמיסן מיט אַ רוט...
— ס'איז די לעצטע שעה! —
כאַרכלט אוים ער,
נאָר אַלץ אַרום איז טויב און הויל — —
— די וועלט איז כולו חייב! — — —

— — — — — — — — — — — —

כ'הייב אויף מיינע אומעטיקע אויגן,
צו דיין ליכטיקן געשטאַלט
און בעט ביי דיין קלוגן בליק,
ביי דיין לויטערן גייסט —
טרייסט!

אויב דער כוח פון ר' שלמה איז נאָך מאַכט,
זאָל ער ברענגען אונדז
דעם שבת!

בוכאַראַ — לאָדזש, 1947—1945.

ישעיהו שפּיגל

פּרץ אין געטאָ

זיי האָבן גענייט, גענייט, גענייט
פון גראָען פאָדעם דאָס טויטן-קלייד.

האָט איינע געזאָגט: איך בין שוין טויט,
נאָר כ׳וואָלט נאָך געגעסן אַ שטיקל ברויט,

אַ שטיקל ברויט צו דער זעט,
אויף מיין צעבראָכן טויטן-בעט; — —

זאָגט איר די צווייטע: שוועסטער, איך וואָלט
גענייט דיר אַ קלייד פון לויטער גאָלד,

נאָר כ׳ניי אויך פאַר מיר אַ טויטן-קלייד
נישט פון פאָדעם און נישט פון זייד

נאָר פון טונקלען, שוואַרצן געוואַנד —
ווי די נעכט אין געטאָ-לאַנד.

זאָגט זיי די דריטע: שוועסטערל ליב!
איידער מען וועט מיך לייגן אין גרוב,

גיי אויפן הייליקן אָרט אַרויס,
גרייט פאַר נייטאָרינס דריי אַ שויס

אין דער שוואַרצער געטאָ-ערד
מיט יידיש בלוט און זאַמד פאַרטרערט.

— — — — — — — — — — — —

מ׳האָט זיי, די אָרעמע נייטאָרינס דריי,
געלייגט טויטע אין וואָגן ריי נאָך ריי,

פאַרהילט אין אַ טוך, שוואַרץ און דין —
אין פּרצם ברייטער פּעלערין.

1946

צו י. ל. פּרץ

אין טיפן וואַלד-געפלעכט, מיט שטאַמען דעמביקע פאַרוואָרצלט,
דו טראָגסט די גאָלדענע קייט אויף רויטע טליִענדיקע אַשן;
דו בויסט זיך איבער תהומען בריקן פון פאַרשטאָרבענע לבנות,
און כישוף הייליקן דו ציסט פון אונדזער יידיש פראָסטן לשון.

יצחק לייבוש פּרץ! כ׳פאַרנעם דעם וויינענדיקן ניגון פון דיין פידל,
ס׳לבנהדיק געזאַנג אויף ברענענדיקע מויערן און דילן;
איך זע זיי ווידער — דיינע הייליק-שבתדיקע יידן,
געגערטע פון דיין ליכט, וואָס וועט די רויטע וווּנד פאַרשטילן.

וואָס שטעקט אין פידעלע? — פאַר דיר דער סוד איז נישט פאַרהוילן,
ווי נישט פאַרהוילן פאַרן אָדלער ס׳איז זיין הויכער וואָלקן-פלי;
עס ברענט שוין נישט די מנורה פון דיין אַמאָליק יידיש פוילן
אויף וואַלן זאַמאַשטשער און אין דיין שטעטל שעברשין.

דו האָסט געוואָלט די יידן דיינע פירן איבער חורבות
פון וועלט צו שבת אייביקן, וואָס וועט די גראָע וואָך באַזיגן;
אַצינד גיי איך — אַ קינד פון חורבן, אויף די אַשן באָרוועס
און זוך אין זיי דעם פלאַם פון פאָלק — דעם גילגול פון אַ ניגון.

איך וואַנדל בלינד מיט זיי ביי דיינע זאַמאַשטשער פּאַרטרוימטע וואַלן,
די וועלט זי לאָזט נאָך נישט דעם קאָפּ פון נאַכט באַשיצן;
אָ, וועק אונדז אויף מיט טרייסט, אָ, שיץ אונדז מיט דיין אָרעם,
מיר ווילן גיין, ווי דו, געפירט דורך פייערדיקע בליצן.

און אויב עס וועט דער וועג מיט שטרויכלונגען דאָ פול זיין,
נישט פאַרשעמען אונדזער ווייטיק וועט דאָס יידיש לשון;
פאַר אונדז דו שפּאַנסט נאָך אַלץ מיט זון צעברעקלט אויף די אָרעמס,
און הינטער דיר — דיין פאַלק אויף רויטע, טליִענדיקע אַשן.

1946

שטילער, שטילער...

ביים קבר פון י. ל. פּרץ

שטילער, שטילער...
דער האַלבער קופּאַל איבער דיר —
אַן איבערגעקערטע ים-מושלע.
ווי שטיל פּלייצט דיין היילנדיק ליכט
איבער אונדז —
שטילער, שטילער ווי די שטילקייט.

נעמט אַוועק די געשטאָרבענע צווייגלעך
פונעם אַלטן, פאַרוויאַנעטן יאָרצייט.
לאָזט די קינדער אַוועקלייגן אויף טרעפּ
דעם ווייסטן חלום:
דעם קילן בלענד פון די קאַליע-בלומען
און דאָס הייסטע רויט פון וואַכנדיק האַרץ.

וואָס שווייגן אַזוי מיד די שטאָלצע טוליפּאַנען
געבויגן מיט גבורה?

נעמט צו די נאַכט פון זייערע ברעמען —
זיי ווילן עטעמען מיט ליכט אין דער שטילקייט.
עטעם דו אויך שטילער,
שטילער,
שטילער ווי די שטילקייט.

פון פולע קריגעלעך ליכט
טרינקען די קאַליעס זייער חלום.
לאָמיר צוטראָגן די ליפּן,
וואָס זענען אויך דורשטיק נאָך ליכט.
נאָר ווער וועט דער ערד, אונדזער ערד
פאַרשטילן די ווונד?
ווער וועט פאַרלעשן דאָס רויט,
וואָס פליצט נאָך פון די סטעגנעס
אונטער דער ערד?
ווער וועט זיי היילן?
שטילער, שטילער —
דאָס ליכט און די שטילקייט וועט היילן.

זיבן מאָל גיי אַרום דעם שטיין
און זאָג:
דאָ ליגט דער ווייטסטער חלום פון דורות,
וואָס איז נישט טויט.
דאָ ליגט דאָס טויטע, שלאָפנדיקע האַרץ,
וואָס איז נישט טויט.
דאָ שלומערט די ווייסקייט פון אַלע טויבן,
וואָס היטן
די פליסנדיקע סטעגנעס אונטער דער ערד
אַזוי שטיל —
שטילער, שטילער ווי די שטילקייט.

באַקלאָגט נישט דעם טויטן —
דעם טויטן, וואָס עטעמט צווישן אונדז.
באַקלאָגט נישט דעם געשטאָרבענעם,
דעם געשטאָרבענעם, וואָס עטעמט צווישן אונדז.

נידער אַראָפּ מיטן אָונטער־שטערן צום שטיין.
דער קאַליע־חלום וועט פאַרווישן דעם נאַכט־נעפּל.
און ווער וועט פאַרווישן דעם שאָטן?
די קינדער,
וואָס שטעלן די קריגעלעך ליכט,
זיי וועלן אַוועקנעמען דעם שאָטן פון דער ערד.

און זייער אויגן־געבעט,
וואָס איז ווייס און פאַרשטילט,
וועט אונדז היילן —
שטילער, שטילער ווי די שטילקייט...

וואַרשע, אַפּריל, 1950.

מאַרק שוויד

פּרץ קאָפּ

דיין קאָפּ איבער אונדזער יידישער וועלט:
דיין זעל איבער אונדזער בלוט, אונדזער פליישׁ;
דיין ניגון דער טיפער האַלט אונדז באַזעלט:
איז עמוד-הענן, עמוד-האש.

געלייטערטער טרויער, לויטערע פרייד:
דאָס ליכט פון פאַרהילטן דור לייכט פון דיר;
מיר זוכן דיין פּלאַם אין קוואַלן פון פרייד,
צעגלאַנע נומער איינס — נאָך ליכטיקט דיין טיר.

מיר זינגען דיין שבת, לעבן דיין טאָג,
און עולה מיט פרייד דיין ליכטיקן וועג:
מיר מעסטן דיין מאָס און וועגן דיין וואָג,
מיר טרינקען דיין ליכט אין פינצטערע טעג.

ווי שטיל מיר דערגייען, נענטער צום שוועל,
אַ פּלעמל פאַרלעשט זיך, עפּעס גייט אוים:
צי וועט עס נאָך איין מאָל אויפלייכטן העל,
צי שווינדט עס פון לעצטן אויפלייכט אַרוים?

מיר בלאָנדזשען אַלץ טיפער אין וואַלד:
אין אָנקום פון דיר געהייליקט איז אַלץ.
אָן טעם אונדזער מאָלצייט אָן דיין געשטאַלט,
ווייל דו ביסט דער האָניק, דו ביסט דאָס זאַלץ.

ניו-יאָרק

עקב גלאַטשטיין

י. ל. פּרץ

כ׳ווייס נישט ווי מען רעדט צו אַ טויטן שרייבער,
שרייב איך צו דיין לעבעדיקן מאָנומענט.
אַפילו ווען מיר זאָלן זיין יורשים־איבערטרייבער,
האָבן מיר דיך אויפגעבויט
מיט דער פרייד פון אונדזערע הענט.

ביסט גרעסער נאָך ווי דו ביסט געווען,
ביסט הייליקער פון שרייבעריי.
מיר האָבן אונדזער געזאַנג אין דיר אַריינגעלעגט,
דורך די טויטע יאָרן, וואָס זענען פאַרביי.

די וועלט איז נישט אונדזערס.
אויף די זאַמדן קריצן זיך נישט איין אונדזערע טריט,
אָבער אָן דיר וואָלטן מיר געווען נאָך ווייניקער,
מיר וואָלטן געווען צעטיילטער, נישט אייניקער,
ווען וואָלסט אונדז נישט געשאָנקען פון יידיש דאָס געמיט.

יידיש לעבן, האָסטו געלערנט,
איז מאָרגנדיק אין יעדער היינט.
אונדזער מתנגדישקייט האָסטו פאַרחסידישט,
אונדזער דראַנג צום דרויסן — פאַריידישט,
אונדזער האַפט פאַריום־טובט און באַשיינט.

מיט יונגשאַפט האָסטו באַחנט
דעם פאַרבייזטן ספר.
מיט דיין שעפערישן אַ סך,
פון אַ פולער האַנט,

האָסט געגעבן אילוזיע פון לאַנד
צו רוחניות פון שפּראַך.

ביי זיך אַליין האָסטו כסדר געבאָרגט פייער,
פון ליד צום מעשהלע,
פון מעשהלע צום שפּיל,
פון שפּיל צו נעאָ־יידישן סטיל.
צום מאַיעסטעטישן שטעל,
צום וועגווייזערישן באַפעל.
צום ווייטסטן נישט־הי,
צום העכערדיקן פלי.

ס'האָט דיר געפּאַסט די פּעלערינע,
ווען ביסט געקומען מיט קינסטלערישער מינע,
און מיט לעבעדיקן ווילן
איינצושטילן די מתים אין פּאַליש און אויפן אַלטן מאַרק.
ליב איז אונדז די לאַסט פון דיין גרויסקייט,
דיין דענקמאָל אויף אונדזער קאַרק.

1945

שלום שטערן

פרץ אויף די זאַמאָשטשער גאַסן

א

זומער, פאַרנאַכט, די שויבן בלאַסן.
יצחק לייבוש שפּאַצירט אויף די זאַמאָשטשער גאַסן.
די פאַרקאָפּטשעטע לאַמטערנס פלעמלען.
פרומע שטערן צינדן אָן די בלוי-פאַרטרוימטע הימלען.
עס אומעטיקן די קילע, קעלערדיקע פּאַטשענעס,
די נידעריקע ציגל-געמויערטע הייזער.
אויפן טורעם-זייגער שאָטענען די ווייזער.

יצחק לייבוש שפּאַצירט איינער אַליין.
די פינצטערע הויפן, די געדרייטע דורכגענג —
טונקעלע, פּאַרצייטישע היילן.
ביים שטאָט-טויער שרעקט
די חרובע פעסטונג-מויער.
שוואַרצע קראָען קראַקען
אויף די פאַרמאָכיקטע, קרישלנדיקע זיילן.
און יידן לויפן אין אַלטן בית-מדרש אַריין.
חומש מיט רש״י, אַ פּרק משניות, אַ בלאַט גמרא
ווערט קלוג פאַרטייטשט אין האַרציק, זינגעוודיקן יידיש.
יצחק לייבוש וויסט דאָס געבראָכענע געמיט פון יעדן יידן.
אין די פאַרנאַכטן, נאָך מנחה-מעריב,
ביי צעקאַרבטע, פאַרחלבטע טישן
לייכט אויף דער גלויבן, דאָס לויטערע האָפן,
און דער טיפער, טרייסטנדיקער פרידן.
דער גלות-עול פאַלט אַראָפּ,
אין די הויכע הימלען שוועבט דער קאָפּ...
יצחק לייבוש דערפילט דורותדיקע בענקשאַפטן אין אים זונגען.

פאַרצייטישע, גאַרנדיקע ניגונים יונג, גלויביק קלינגען.
אונטער זיינע פלינקע טריט ציטערן אויף סאַמעטענע שאָטנס.
אין איינזאַמע, שטילע בית-מדרש ווינקלען
שאָקלען זיך אין ברייטע, לאַנגע טלית-קטנס,
די טרוימערישע, פרומהאַרציקע יוחנן וואַסערטרעגערס,
די פאַרהאָרעוועטע, שווייגנדיקע דאָרפגייערס.
גאַנץ און ריין זייער גלויבן.
זייערע מעשים ערלעך, פרום און פשוט.
דורך טרויעריק, פאַרטרערטן תהילים-ניגון
זיי רעדן יעדע רגע צו גאָט — — —

שטילער ווערט יצחק לייבושעס פאַרטראַכטער גאַנג.
דאָס פריידיקע הארץ — לויטער געזאַנג.
און — אָט דערהערט ער קינדעריש געוויין.
ביי אַ בלאָטיקער שוועל בלייבט ער שטיין.
ער בייגט זיך איין.
זעליקל שוסטערס יינגל זיצט איינער אַליין און וויינט:
איך בין הונגעריק, איך וויל אַ שטיקל ברויט.
דאָס יינגל אויסגעדאַרט, קליין.
עס בלאַסט זיין דינע הויט.
יצחק לייבוש נעמט אים אויף זיין שויס,
ווישט זיינע טרערן אויס.
ער קויפט אים פרישע בייגל מיט פוטער.
און ביידע שפּאַנען זיי פון שטאָט אַרויס,
איילן פאַרביי דעם פריצס גיטער...
זומער-נאַכט שמעקט אויף מיילן און מיילן.
יצחק לייבוש נעמט דעם יינגל אַ מעשהלע דערציילן:
נישט אייביק וועט די אָרעמקייט געוועלטן.
אויפשיינען וועט אַמאָל דאָס לאַנד פון ליכטיקע געצעלטן.
אַ יידיש יינגל דאַרף זיין גרייט
צו גיין אין שטרייט,

ביז דאָס גרויסע, אויסגעבענקטע גליק
וועט אומעטום זיין פאַרשפּרייט,
און דאָס וואַרעמע, ברודערלעכע ליכט
אין איטלעך האַרץ פאַרזייט.
שמייכלענדיק דרימלט דאָס יינגל איין אין זיין שוים.
די בריק איז אויפגעהויבן, פאַרשלאָסן.
דאָס טויִקע פעלד מיט שטערן־שיין פאַרגאָסן.
ביז די נאַכט לעשט זיך אויס.
פרימאָרגן־זון שטראַלט אויף
אויפן טורעמדיקן הויז — — — — — —

ב
יצחק לייבוש פּרץ שטייט אין וויסטן מאַרק טרויעריק, אליין.
זיין קאָפּ זילבערדיק באַשנייט.
נישטאָ קיין גאַסן, קיין פּאַטשענעס, קיין הויפן.
יידן לויפן נישט אין בתי־מדרשים, אין חסידים־שטיבלעך.
נישטאָ ווו צו איילן.
טויט און חורבן אויף מיילן און מיילן.
דער נאַצי האָט מיט מעסער און פלאַם
פאַרטיליקט ביזן וואָרצל־שטאַם.
אַרום דער חורבער, גרויסער יידישער ביבליאָטעק
שאַרכען פאַרבלוטיקטע, צעריסענע בלעטער.
אַלט־שטאָט און ניי־שטאָט
באַדעקט מיט הויפנס ליים און צעקרישלטע ציגל.
און אומעטום יידן־קברים אויף פעלדער, הינטער ביימער,
הינטער בריקן, הינטער פאַרשרפהטע ווענט.
און שליאַכן פאַרבלוטיקטע, צעשניטענע, ווי מענטשלעכע הענט
שטרעקן זיך קיין קאַמאַרעוו, לאַשטשעוו, טישעוויץ, שעברעשין,
אַזש ביז די קאַלך־אויוונס אין לובלין.

צווישן חורבות, צווישן אַש און פּראָך,

שטייט יצחק לייבוש פרץ טרויעריק, אַליין,
און וויינט אויפן אימהדיקן בראָך.
דורכגעווייקטע, צעריסענע בלעטער ווינטיקן.
די הימלען בלוטיקן.
פאַרשטיקטע יידישע ווערטער יאָמערן —

יצחק לייבוש פרץ שטייט און וויינט.
זיין קאָפּ זילבערדיק באַשנייט.
זיין האַרץ ווערט מיט הייליקן צאָרן אָנגעקליידט:
גערמאַנער, דיין לאַנד זאָל ווערן וויסט און לער!
רויטאַרמייער, בערלין צעשטער!
נעם נקמה פאַרן הייליקן בלוט,
פאַר דער ריינער, קינדערישער, יידישער טרער.
זינגט אויף אין אים דאָס ליד
פון שיינענדיקן העלדנמוט:
יידן זענען נישט שוואַך, נישט געבראָכן געוואָרן
אונטער פייניקערס טויטנדיקער רוט.
אויפגעשטאַנען זענען אין דער וואַרשעווער געטאָ
די יוחנן וואַסערטרעגערס, די בערל שניידערס, די מקובלים,
און די צניעהדיקע יידישע טעכטער.
אָ, האַרציקע און ריינע,
ווער איז דען פון אייך געווען העלדישער אין שלאַכט?
ווער איז דען פון אייך הייליקער, גערעכטער? —

אָ, מיין מאַרטירער-פאָלק,
ביסט אויסדערוויילט, גרויס און הייליק,
ביסט גלויביק, מוטיק און אייביק!

נאַכט, ווייסע הימלען שימערן.
ביי דער לבנה פרירן די טרערן אין די ווייסלען.
די שטערן זיין שטיל געוויין הערן — — — — — —

1945

שרה פעל־יעלין

י. ל. פרץ

דורות, ווי שיכטן פון באָדן
מיט אוצרות פון צייטן געלאָדן,
טראָגן דעם רוי־שטאָף פון נעכטן
פאַר גראָז־וואָרצלען יונגע — פון היינט...
ס׳ווערט דימענט אין חושך פון מינען געגראָבן —
דער היינט ווערט אין נעפל פון עבר געקלערט.

פון טויט שאַפן לעבן,
פון פוילעניש בליטן,
פון אומקום אַ לייטער צו זוניקער ערד
איז דעם קינסטלער פון קינסטלער באַשערט:
ער איז דימענט־גרעבער,
ליכט־צינדער
שטעגן־טרעטער און בריקן־לייגער
פון שיכט צו שיכט
פון דור צו דור.

דורות ווי כוואַליעס פון רוישיקע ימען,
דורות, ווי רינגען אין אוראַלטע שטאַמען,
ווי קוואַלן, באַהאַלטן אין פאַלדן פון באָדן
מיט צויבער און סודות פון פאָלק איבערלאָדן,
קלייבן אָפּ חכמה און חנען פון יאָרן
און ס׳ווערט אינעם פאָלק אַזאַ זשעני געבאָרן.
אַ זעער
אַ נביא מיט פליגל, מיט פייער,
אַ קינסטלער־אַנטדעקער,

אַ קינסטלער־באַנייער

אין קרייז־לויף פון אייביקן גאַנג

ווו סוף איז אַן אָנהייב

און אָנהייב — אַ סוף.

באָסטאָן, 1945

מאַטעס דייטש

פּרץ — די פּוילישע יידן

כ'האָב דיך געזען היינט, יצחק לייבוש
עלנט און אַליין; נישטאָ אַרומגערינגלט פון פּוילישע יידן;
נישטאָ דיינע חסידים און אויך דיינע מתנגדים — נישטאָ.
נאָר דו ביסט דאָ און וועסט אייביק זיין דער לייכט־טורעם.
פּרץ! פּרץ! פּרץ! סע מיינט דאָך אויף שטענדיק
זענען יידן פאַרבליבן אין דיין שרייב־פורעם.

כ'האָב דיך געזען היינט, יצחק לייבוש;
עלנט און אַליין, אין אַ טרויעריקן לבוש,
ביסט געשטאַנען פאַריתומט אין דיין יידנלאָזער וואַרשע
פּרץ — אין אַ יידן־אויסגערייניקטער וואַרשע? — — וויי, וויי!

כ'האָב אַריינגעבליקט אין דיין קאַבינעט:
ביסט געשטאַנען מיט דיינע הענט אָנגעלענט אויף דיין שרייב־טיש,
דער קאָפּ אַראָפּגענייגט, נאָר דיין בליק — אַ ווייטער;
צי האָסטו שוין די שוידערלעכע וויזיעס געזען אין פאָרויס?
דיין אומעט אין גרויקייט קרייזלט זיך ווי שניי,
דיין וועזן איז ווי רויך וואָס שטייגט כמעט שטייענדיק
אין אַ פאַמעלעכדיקן אויפגאַנג צום הימל,
געטריבן פונעם ברענענדיקסטן סקעפּטיציזם און יידישער אמונה באַפליגלט.

כ'האָב דיך געזען היינט, יצחק לייבוש פּרץ,
ווער סע וועט נאָר וועלן, וועט דיך שטענדיק זען
און מיט דיר — די דורותדיקע, לעבעדיקע, פּוילישע יידן. —

לאָס־אַנדזשעלעס, 1945

מלכה לי

אַ פאַרלוירענער ניגון

אין געטאָ איז שטיל, עס שווייגן די שטיינער,
פון קעמפער עס רויכערט דאָס אַש און די ביינער.

די ערד פון בית-עולם מיט בלוט דורכגעקנאָטן,
עס הייבט זיך פון קבר אַ געבויגענער שאָטן.

פרץ צום אַלטן מארק נעמט שפּאַנען,
דער לעצטער ייד אַוועק איז פון דאַנען.

ער זעצט זיך אַוועק אויף אַ שטיין דערנעבן,
ער הערט אַ ניגון — אַ ניגון פון לעבן.

פון בערג און קברים דער ניגון געשפּונען,
דער פאַרלוירענער ניגון האָט זיך געפונען.

ער זעט דריי מיידלעך מיט טרויעריקע שטימען,
„די נייטאָרינס דריי", זיי שפּינען און שפּינען...

זיי שפּינען און שפּינען די בלוטיקע פעדעם,
טויט האָט פאַרשלונגען דאָס לעבעדיק לעבן.

און באַנטשע שווייגט מיט פאַרשטאַרטע אויגן,
די נייטאָרין זיצט איבער אים איינגעבויגן.

זי שפּינט, און זי שפּינט, דער פאָדעם נעמט שטראַלן,
אַ פאָדעם פון זון אויף זיין וווּנד איז געפאַלן.

שטיל איז אין געטאָ — אַלץ איז אַנטשוויגן
זי שפּינט, און זי שפּינט דעם פאַרלוירענעם ניגון.

ערגעץ ווייט ער הערט דאָס געזאַנג פון חסידים,
דער ניגון ער וועקט די פאַרגליווערטע יידן.

פּרץ לייגט זיך אין געטאָ אַנידער:
„איך וועל בלייבן מיט אייך, פאַרפּייניקטע ברידער.

איך האָב ביים לעבן מיט אייך זיך געברידערט,
איך וועל אויך אין טויט מיט אייך זיין פאַרגלידערט!"

דער פאַרלוירענער ניגון האָט זיך געפונען
און העלט אין געטאָ מיט אייביקע זונען.

ניו־יאָרק, 1950

לייב מאָרגנטוי

צו י. ל. פּרץ

ווען אויפזאַמלען וואָלסטו געקאָנט אַלע טרערן,
די זיפצן די שטילע, דעם יאָמער דעם שווערן,

דעם מוט פון די העלדן, די גרויסע נשמות, —
אַ הערלעכן קראַנץ וואָלסטו געהאַט פון מתנות!...

עס האָט זיך געדוכט, אַז נישטאָ איז שוין קיינער...
נאָר זע — אויף די חורבות, אין טאָל פון די ביינער,

אַ ייד ווייזט זיך ווידער — באַקאַנט איז זיין פּנים.
ער לעבט און איז דאָ, אויף להכעיס די שונאים!

פון וואַנען געקומען? אַוווּ זיך באַהאַלטן?
פון טויזנטער מיילן?... פון לעכער, פון שפּאַלטן?

פון טויזנטער-טויזנט פאַרבליבן איז איינער,
דאָס אומגליק צו זען און דעם בראָך צו באַוויינען, —

באַוויינען דעם בראָך... פון דאָס ניי אָנצוהייבן
דאָס לעבן אויף חורבות מיט מוט און מיט גלויבן!

און ס'הערן די וויסטעס, די קברים מיט חידוש
די לאַנג שוין פאַרגעסענע קלאַנגען פון יידיש...

פון מזרח אַ מיידל, פון מערב — אַ ייִנגל —
און ווידער באַהעפט זיך אַ רינג צו אַ רינגל.

אויף ערדן, פון וואַנען פאַריאָגט איז דער טויט,
נעמט ווידער זיך שמידן דיין גאָלדענע קייט!...

וואַרשע, 1951

אליעזר אַראַנאָווסקי

יצחק לייבוש פרץ

צו דער הויך, צו דער טיף, צו די בערג,
צו דער ווייט, וואָס איז נעענטער ווי נאָענט
איז דיין דרך געווען: —
גערופן, געוועקט און געמאָנט...

צום כסא־הכבוד און העכער
האָסט דעם צדיק געפירט.
און פון קידוש דעם בעכער —
מיט געטלעכע ליפּן באַרירט.

און איבער די שׂרפים, מלאכים
האָסטו דעם מענטשן געשטעלט, —
אין זיינע ערלעכע מעשׂים,
וואָס האָבן דעם פינצטער פאַרהעלט...

צו הימלישער הויך „אויב נישט העכער"
האָסטו דעם רבין דערהויבן: —
פאַר אַ פויער, צו סליחות פאַרשטעלט,
וואָס הייצט אַן אָרעמאַנס אויוון...

און דיינע מתנות, די דריי,
זענען ביים פאָלק מערער ווערט
ווי אַלע די אוצרות פון גאָלד,
וואָס ליגן פאַרבאַהאַלטן אין דר'ערד...

האָסט מיט געשליפענעם וואָרט,
און מער נאָך — מיטן פינטל נאָך אים...

ווי אַ כהן־גדול פון קדשי־קדשים
געלאָזט הערן דיין שטים.

האָסט גערופן צו אָלימפּישער הויך,
צו מענטש און געטער פאַרמעסט;
אין פאָלקס־נשמה געזען —
דאָס שענסט, דאָס בעסט, דאָס גרעסט...

פאַר דעם האַלט דיך טייער דאָס פאָלק,
איבער דער וועלט וואָס שפּאַנט,
און צירט דיר, מיט דער קרוין
פון מלכות אין יידיש־לאַנד.

האַוואַנע, (קובע).

יעקב גלאַנץ

„ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק”

שאַרן זיך שאָטנס סוטולע
אויפן מאַרק פון דער גאולה
ביינאַכט.

קיין ליכט־שיין, קיין אָנזאָג פון טאָגן.
קעץ נאָר מיאַוקען און קלאָגן
און ס׳רודערט פאַרביי־ווו א וואָגן
און קראַכט.

רעדערט די שוואַרצע עגלה
אין בית־עלמינשער שטאָט,
ווי אַ קללה
פון גאָט.

פינצטערער מאַרק ווי אַ פגר.
שלאָגט אויס דער שטאָטישער זייגער
פאַרשפּעטיקטן „צוועלף”,
די גלאָקן מיט צינגער פאַרדריקטע,
שטומען און וואַכן פאַרשטיקטע,
ווי וועלף.

נאָר אָט דוכט אַ פייערל צינגלט:
אין יידישן שולכל צעפינקלט
נר־תמיד.
אַ מת אין אַ קיטל אַ ווייסן,
טוט נאַכטיקע שטילקייט צערייסן
ביים עמוד.

— ואף-על-פי שאיני-כדאי!
רבונו דעלמא, איך שריי:
מאין, מאין, מאין? —
מאין, מאין, מאין? —
באהעפטן זיך קולות און שרייען,
דערגרייכן די שערי שמים,
וואָס זענען פאַרמאַכט.

שפּרייטן זיך שאָטנס סוטולע
אויפן מאַרק פון דער גאולה
סוף-נאַכט.

אין שולעכל שוין גאַנצענע עדה,
ביי יידן נישטאָ קיין צעשיידונג,
בעת אַ סכנה און גזר.
דער שמש, דער בטלן, דער שטומער,
דער פאַסטעך, דער צדיק האומה,
אין צער.

— און כל זמן די חשכות פאַרשווינדט נישט,
און כל זמן די ליכטיקייט צינדט נישט
דעם ראַנד פונעם מזרח אין רויט, —
לאָמיר זיך אַלע פאַרבינדן,
עס וועלן נישט אויסרייסן ווינטן
די זריעה וואָס טיף אין דער בייט!

די עדה מיט גאָט אין באַהעפטונג. —
נאָר בלינדע פאַרצוקנדע קרעפטן
אין שולכל זיך רייסן צעברומט.
די מתים די קיטלען צעפליקן,
די תפילות אין האַרצן דערשטיקן —
און בלייבן פאַרשטומט.

קראַכן די ווענט פֿונעם שולכל.
דער רבי אַליין נאָרביים שולחן
פֿאַרשעמט,
אמונה פֿאַרוואָרצלטער דעמב. —
— פֿינצטער זאָל זיין, —
איך באַפֿעל!
קיין טראָפּנדל שיין
אויפֿן שוועל!

די מתים אין לעבער פֿאַרקריכן,
סוף־נאַכט צו אַ הייל איז געגליכן,
דער רבי דער היטער באַפֿעלט:

דו טאָרסט נישט קיין ליכטיקייט גיבן
צו די וואָס אין הייל דאָ פֿאַרבליבן, —
אָט די וועמען ליכטיקייט פֿעלט!

וואָס לענגער די נאַכט זיך דאָ ציט
בעט אַלץ דעם בורא, דער תפֿילהדיקער ייד:
— פֿינצטער זאָל זיין, קיין טראָפּנדל ליכט!
און נאַכט איז פֿאַרטאָגיק־געדיכט.

מעקסיקע, 1954

יצחק בערלינער

פּרץ איז אַרויס אויפן אַלטן מאַרק

איז פּרץ אַליין איצט אַרויף
ביינאַכט אויף דעם מאַרק אויף דעם אַלטן, —
געמיינט, נתן שיכור נאָך זויפט
אין ווינקל פון טויער באַהאַלטן — —
נאָר ס׳פּוסטעוועט גרויליק דער הויף
און ווינטיקט מיט אָטעם מיט קאַלטן.

קיין יידענעס רעדן נישט מער
אַראָפּ, צו די קרעמער, פון גאַנעק...
פון יידישע שויבן די לער,
זי שרעקט און זי פינצטערט מיט פּאַניק — — —
עס פייפט זיך אַ לידעלע ווער, —
ווער איז עס? ווער גייט עס? — ס׳איז יאַנעק.

ס׳איז יאַנעק, — אַ הונט, ביי דער זייט,
וואָס שניפּט און זוכט ווערימלעך, גרילן — —
וואַרפט יאַנעק זיין גזשיבע פאַרשייט,
שפּאַנט גיכער דורך מאַרק דורך דעם שטילן...
עס גאַפּעט דער הונט, — שוין אַ צייט
ווי ער האָט נישט אויף וועמען צו בילן — —

דער הימל, אַ ברייטער און פול,
ער הענגט איבער מאַרק, ווי אַ גאָרילע
וואָס קוקט דורך לבנה־שפּאַקול
אויף מאַרק — אויף געשטאָרבענער ווילע — —
צעברענט און צעהאַקט שטייט די שול,
ס׳געפינט זיך קיין מת דאָרט אפילו — —

ס׳איז האַלבנאַכט, — די קברים פאַרמאַכט — —
מצבות — צעשטיקלטע שטיינער — —
די מתים אין אַט אַזאַ נאַכט
זיך שרעקן צו ווייזן די ביינער — —
ווער קלאַגט עס? — ווער שרייט עס? — ווער לאַכט? —
ס׳איז קיינער, ס׳איז קיינער, ס׳איז קיינער — — —

די דעכער צעבראָכן, צעקרומט,
אויף ליידיקע יידישע הייזער,
דער מאַגיסטראַט-זייגער נאָך שטומט
און ס׳גליווערט זיין איינציקער ווייזער — —
עס דאַכט זיך, אַז עמעצער קומט,
ס׳איז יאַנעק — דער איינציקער שפּרייזער — —

פון דעכער ביז ברוק, טראָטואַר,
די שאָטנס זיך אימהדיק הילן...
אַן אומהיימלעך פיינלעכער צער
עס שטייגט פון דעם חושך דעם שטילן.
די פענצטער, אין פינצטערן שטאַר,
ווי גרויסע שוואַרצגלאָזיקע ברילן — —

אַ שווייגעניש, קיינער נישט רעדט,
קיין שילד און קיין לעמפּל, קיין פלעמל — —
געקומען די נאַכטישע שפּעט,
צעלייגט אויפן מאַרק זיך און דרעמלט — —
שטייט פּרץ פאַרגאַפט און ער זעט, —
דער חושך נאָך טיפער ווי דעמאָלט — —

אין שטילקייט טוט פּרצעס בליק
די ווייטקייט אין זיך אַריינשעפּן,
פון הימל ביז ערד, הין און קריק,

געקוילעטע קינדער אויף טרעפּן — —
געהאָנגענע, — טויזנטער שטריק
נאָך טויזנטער העלדזער זיך שלעפּן — — — —

די מתים נישט מער אין קיין ראָד
מיט שפּיל, מיט געזאַנג אַזוי האַסטיק — —
קיין קראָם דאָ, קיין קלויז און קיין באָד —
די שטעטלשע יידישע פּלאַסטיק — —
אין נישעס — קיין שטיין און קיין גאָט —
אַ קרומער און דראָענדער סוואַסטיק.

די שוואַרצקייט פון מאַרק זיך צעטראָגט — — —
דער בלעכענער האָן וויל נישט קרייען — —
דער בדחן און פּרוש — אין ראָג —
צוויי גלייִקע פלעמלעך, זיך דרייען...
דורך שפּאַלטן פון פּאַרן פאַרטאָג, —
מיליאָניקע פלעמל-אַרמייען — —

פון אומעטום קומען זיי איצט
אויף נאַכטיק אַלטמאַרקישער בינע — —
דער חושך ווערט שפּיזיק פאַרשפּיצט
מיט פייערלעך שאַרפע און דינע — —
פון פּרצעס בליק רייסט אַ בליץ — —
אַ פייער-פלאַג — זיין פעלערינע — — — —

איז רויכיקער פלאַמיקער ים
געשטיגן צו הימלישע הויכן — —
קיין גרענעץ, קיין אָפּהאַלט, קיין צאַם
אין פאַלקישן פייער צו טויכן — —
האָט פּרץ — אַ לויכטנדער פלאַם —
געפלאַטערט אין דער מיט פון די רויכן — — — —

מעקסיקע, 1951

יאָסל גאָלדבערג

צו פּרץ

מיר זעען דיך אַ טיף־פאַרקלערטן,
שטרענג און שאַרף דו קוקסט אונדז אָן;
נאָר ווי מען קומט, דיין נאָמען הערט מען,
דיין נאָמען פלאַטערט ווי אַ פאָן;
ווי אַ פאָטער אַ געטרייער,
ביסט געווען, זאָגט דער לערער,
ווי אַ פאָטער — אויב נישט מערער.

פון אַלץ וואָס איז פאַרשימלט, אַלט,
ביסטו געווען דער צעשטערער;
דיין וואָרט גערופן האָט, געשאַלט,
געלייטערט און פאַרשענערט;
און ווי אַ פאַקל ט׳דיין געדאַנק
דעם וועג באַלויכטן פאַר די מאַסן,
האָסט געלערנט זיי געזאַנג,
האָבן ליב און קענען האַסן.

זאָגן מיר איצט קלאָר און שטאָלץ:
„ס׳איז די וועלט שוין נישט קיין הפקר"
און ס׳איז נישט מער דאָס פּראָסטע פאָלק,
קיין „באָנטשע שווייג", קיין בטלן שלעפּער,
מיר גייען צו די טעג די העלע,
געאָרעמט מיט די פעלקער־ברידער,
און שוואַרצע, ווייסע, ברוינע, געלע,
אין גאַנג זיי זינגען דיינע לידער.

האָסט אַ סך, אַ סך פֿאַרזייט,
האָסט אַ סך געבויט אונדז — בויער.
נאָר אונדזער בלײַענדיקע פֿרייד,
איז אויסגעמישט מיט טיפֿן טרויער;
אונדזער וואַקסנדיקע פֿרייד,
איז געוואָרן טיף פֿאַרווונדעט —
„טרייסט מיין פֿאָלק, עס דאַרף די טרייסט" —
זי שמידט דעם נייעם גרויסן ווונדער...

בוענאָס־איירעס, 1951

י. ח. ראַדאָשיצקי

ביינאַכט ביי דעם פּרץ־סקווער

ביינאַכט, ווען די גאַס ליגט איינגעדרימלט, ביי דעם פּרץ־סקווער —
מיטן נאָמען אויפן סלופּ דעם אייזערנעם, דעם הויכן —
(ווען די אַלטע הייזער שלאָפן אונטער העלע שטערן) —
דערזעט מען פון אַ זילבערנעם טומאַן אַ גייסט אויפטויכן,
נביאיש בלייבט ער שטיין פאַר דיר — אַ ליכטיקע געשטאַלט,
דאָס פּנים מיסטעריעז, איז זילבער־מאַט באַשטראַלט,
די גרויסע מילדע אויגן לייכטן טרוימענדיק צעבלענדט,
ער האַלט אַ ספר, מישט די בלעטער מיט די צאַרטע הענט.

אַרום אים — טויכן שאָטנס אויף, סודותדיק און מאַט —
דו זעסט קיין פּנימער, נאָר קעפּ באַשטריימלטע, מיט גרויע בערד,
אין אַטלאַס־זשופּיצעס, גאַרטלען טראַלזיקע, וואָס גרייכן ביז דער ערד,
די ווייסע הענט, די איידעלע, זיי ציִען זיך צו אים מיט אַ געבעט,
ווי כהנים ביי דעם דוכענען — שטרעקן זיך די הענט צו דעם פּאָעט,
וואָס שטייט ווי אַ שטראַלן־זייל און בלעטערט בלאַט נאָך בלאַט: —

דו הערסט די בלעטער רוישן ווי כוואַליעס אינם ים, ביי נאַכט,
ער שטייט אַרומגערינגלט פון נשמות הייליקע, פון „די גאָלדענע קייט”.
די אַטלאַס־פּאָלעס בלאָזן זיך אין ווינט, די לאַנגע בערד צעוויייעט,
די שאָטנס וויגן זיך, דו הערסט ווי אַ געפּליסטער — פון אַ ווייטער וועלט,
זיי בייגן זיך צו מזרח־זייט, צו מערב־זייט, ווי ביי תפילות, פרום,
די נאַכט איז פול מיט צער, דו הערסט אַ סודותדיק געזשום:

דאָס קומען זיי, נשמות לויטערע, פון די ווייסל־ברעגן, דאָ אַהער:
— שלום, פּרץ, שלום! — דערגרייכט ווי אַ כוואַליע־רויש צו דיין געהער.
נאָר באַלד ווערט די וויזיע מאַט, מיסטעריעז פאַרשטעלט.
די לבנה קוקט אומעטיק איבער דעכער צו דער ווייטער וועלט.

ניו־יאָרק, 1952

ווען איך שטיי פאַר זיין פּאָרטרעט

ס'איז תמיד ליב מיר קוקן אויפן בילד פון י. ל. פּרץ,
וואָס ליכטיקט אין מיין שטוב, אַראָפּ העל פון דער וואַנט:
פון זיינע אויגן לייכטן מעשהלעך פון פּוילן-לאַנד,
פון שבתדיקע יידן, וואָס שטראַלן אויף ווי טרוימען —
איך שעפּ פון בילד אַרויס זכרונות, מיט דרך-ארץ!

ווי תלמיד פאַר זיין גרויסן רבי שטיי איך אָפט פאַרקלערט:
ער האָט דאָך אין מיין יונגן האַרץ דעם ערשטן טרוים דערוועקט
אַ וועלט, אַ מיסטעריעזע, סודותדיק פאַר מיר אַנטפּלעקט:
„ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", „אין פּאָליש אויף דער קייט"!
און וויפל מאָל האָב איך אין טרוים זיין „מאָנישן" געהערט!

קוק איך אין זיינע גרויסע אויגן, פול מיט טרוימען —
לעבט אויף מיין אַמאָל צוריק, טויכט אויף אַ ריינע וועלט,
מיט יידן גלויביקע, בטחונדיקע, פון משיח-ליכט באַהעלט!
ווען יעדער טאָג און יעדע שעה קייטלט זיך אין אַ וווּנדער-קייט,
מיט גלויבן לויטערן וואָס פלאַטערט אין די רוימען!

כ'טרינק נאָך איצטער פון זיין קוואַל, מיר דוכט איך הער אים לייענען:
„די וועלט איז נישט קיין קרעטשמע"! — הימלען האָבן מיר פון אויבן,
פאַראַנען איבער אונדז אַ שופט און אַ שומר, הויך, דאָרט, אויבן!
זיין גייסט האָט אָנגעצונדן ליכט אין האַרץ טיף און אַ גלויבן!
שטיי איך פאַר זיין בילד, דערזע איך אים אַ לויטערן דערשיינען!

1952

משה שקליאַר

אויב נישט נאָך העכער

פאַראַנען ווערטער, וועלכע דויערן דורך צייטן
און אַלע מאָל זיי מונטערן און וועקן,
מיט קיין שום אַנדער וואָרט דו וועסט זיי נישט פאַרבייטן —
אַזאַ געוווען איז דיין זאָג —
אויב נישט נאָך העכער!

און היינט, ווען אונדזער גאַנג איז שבת־יום־טובדיק באַפליגלט,
ווען ס'קאָן איעדע הויכקייט אונדזער טראָט דערגרייכן,
עס איז דיין וואָרט אין האַרצן מיינעם טיף פאַרזיגלט
און הייסט כסדר מיר די טאַט מיט מעגלעכקייט פאַרגלייכן —
אויב נישט נאָך העכער!

ווען כ'זע, אַ מויערער שטייגט־אויף אויף רישטאָוואַניעס
און הייבט אַלץ העכער זיך דעם הימל צו דערלאַנגען,
ווען ס'גייען אויף מיט ברוויט די רחבותדיקע לאַנען
און ס'טראָגן זיך צו וואָלקנס פריידיקע געזאַנגען,
איך הער אין זיי דיין שטים —
אויב נישט נאָך העכער!

פאַראַנען ווערטער, וועלכע דויערן דורך צייטן,
נאָר דיין וואָרט וועט אַלע צייטן איבערלעבן,
און ס'וועלן עס די פעלקער, די באַפרייטע,
ווי אַ פּאַראָל אויף דורות איבערגעבן —
אויב נישט נאָך העכער!

וואַרשע, 1951

צו י. ל. פּרץ

וויפל מאָל דו ווייזט זיך מיר אין חלום,
שטרעק איך דיר אַנטקעגן מיינע הענט.
כ׳היפּער איבער גאַנצע בערג מיט חורבות —
פאַר דיין גרויסקייט בלייב איך שטיין פאַרשעמט.

גערן כ׳וואָלט די פרייד מיט דיר איצט טיילן —
אירע קערנער האָסט אין אונדז פאַרזייט.
שווער איז אָבער אַלצדינג צו דערציילן,
ווייל אַוועק מיר זענען שוין צו ווייט.

ס׳איז די נויט אויף שטענדיק שוין פאַרשוווּנדן
אונדזער ברויט? ווי זיס איז אונדזער ברויט!
און אין קאַמף — מיר היילן אויך די ווונדן,
און אין קאַמף — עס שרעקט אונדז נישט דער טויט.

ס׳וואָלט דיין באַנטשען ביי אונדז גאַרנישט פעלן,
איצט וואָלט ער געווען שוין שטענדיק זאַט;
נאָר געמיטן האָט אים נישט דער גורל,
אומגעברענגט, פאַרברענט האָט אים דער קאַט.

דיין ניגון

לאַנג אַרומגעבלאָנדזשעט האָט דיין ניגון,
ווי אַן אַנזאָג פון אַ גרויסער צייט.
ערשט די לעצטע שטורעמדיקע זיגן
האָבן פונעם קלעם — אויך אים באַפרייט.

קלינגט ער איצטער ביי אונדז פריי און מונטער,
יעדער זינגט אים, ווי אַן אייגן ליד.
מיט דעם פלאַם פון ליבשאַפט דיינער צינדט ער
פריידיק אָן דאָס האַרץ פון יעדן ייד.

ס'איז דיין ניגון, פּרץ, אַ דערמאָנונג,
אַז דיין ליד — אין מיינעם זינגט און שטרייט;
רופט צו קעמפן קעגן אַלע שונאים,
וואָס די וועלט פאַרניכטן זענען גרייט.

וויפל מאָל איך זע דיך אין מיין חלום,
טיפער כ'נייג מיין קאָפּ צו דיינע טריט,
און אין אַ קאַמף פאַר פעסטיקן דעם שלום,
ווי אַ פאָן — איך טראָג דיין אָנדענק מיט.

וואַרשע, 1951

י. ל. פרץ

אויף גאַסן הילכט דאָס מעש פון מאַרשן
און פויקן פייקלען דראָבנעם שרויט.
ווי גינגאָלד, לויכט אויף דעכער וואַרשעס
די יונגע זון פון חול-המועד.

דער אַלטער פרץ שטייט געבויגן
אין טיר פון אָפענעם באַלקאָן
און קוקט מיט מידע, מידע אויגן,
ווי פאָניעס חייל שפאַנט צום פראָנט.

ער גיט אַ צופ די גרויע וואָנצעס
מיט שוואַכער, ציטערדיקער האַנט:
— „אָט שפאַנען זיי, די שטומע באַנטשעס
נאָך בולקעס אין אַ פרעמדן לאַנד". —

די זון וואַרפט זשמעניעס גאָלד אויף דעכער.
ער הערט אַ שאָל פון בלויען רוים.
אין מוח בליצט: — „אויב נישט נאָך העכער —
עס רופט אַ בת-קול מיך אַהיים". —

ער קוקט אויף זעלנערשן האַרמידער,
וואָס פילט די גאַס אָן ביזן ברעג —
און שבת-יום-טובדיקע יידן
באַהאַלטן זיך פון זיי אין שרעק.

ער זעט: נאָך זעלנער לויפן קינדער
און שפילן צווישן זיך אין קריג...

— „ווער וועט דערלייזן זיי פון פלינדער,
ווען איבער וועלטן הערשט די ביקס?

— „ס׳איז אונדזער מאָרגן אויסגעלאָשן,
ס׳איז אונדזער קיום אָן אַ גרונט,
אויב זיסער שפּראַך פון מאַמע־לשון
וועט טרוקענען אויף זייער צונג.

— „מע דאַרף זיי, אָט־די קליינע שפּילער,
דערציִען אויף אַן אַנדער שפּיל...
מ׳דאַרף... שטילער, שטילער, דאַנקען וויל ער...״
און ס׳פאַלט דער דעמב אויף קאַלטן דיל.

ניו־יאָרק, 1952

ישראל עמיאָט

לייענענדיק י. ל. פּרצעס „דריי מתנות"

דאָס בוך איז פאַרמאַכט, נאָר אַ פאָדעם
פאַרבאָרגן זיך שפינט אין געמיט.
די טאָכטער פון „דריי מתנות"
פאַרביי שוועבט מיט אײדעלע טריט.

עס לויפן פאַרביי די יאָרהונדערטס,
נאָר שלעכטס בלייבט אייביק דאָך שלעכטס,
און אייביק וועט העלדיש אין וואונדער
זיגן, וואָס אייביק גערעכט.

צום שאַנד און שפּאָט פון די שונאים
מיין שוועסטער ווערט ווידער געפירט,
דעם צלם פאַרבייט איצט דער האַק־קרייץ,
נאָר מיין שוועסטער דעם מוט נישט פאַרלירט.

דער פיינט ביז די ציין איז באַוואָפנט,
מיין שוועסטער דעם טויט, וואָס דערוואַרט,
זי האָט אויף איר קראַפט נישט צו האָפן,
נאָר איר ווילן ווי שטאָל איז האַרט.

אָט פּרוּווט ער זי נעמען מיט גוטן:
— זי זינד דאָך זאָ רייצנד, זאָ שיין!
איז וואָס, אַז זי שטאַמט פון די יודען?
— שאַדע, זאָ יונג נאָך, זאָ קליין!..."

וואָס ער וויל? זיין פאַרלאַנג איז באַשיידן,
ס'איז קיין פאַרלאַנג „אין דער טאַט",

אַ וואָרט בלויז זאָל זי אויסריידן, —
„דאָס אָרט פונעם אַטריאַד...“

מיין שוועסטער בלייבט שטום אין „גוטן“, —
איז געפּרוּווט זי אין פייער פון בייז:
גלייִקע דרעט אין די בלוטן, —
„פאַרשאָלטענע, זאָג, וואָס דו ווייסט!“

און נאָדלען טיף אונטער נעגל,
— שוועסטערל, האַלט זיך, אָ, האַלט! —
מיין שוועסטער האַלב טויט ביי די שלעגער,
איר קערפּער באַגיסט ווער מיט קאַלטס.

דער פּיין ווערט מערדעריש גרעסער,
מיין שוועסטער איז שוואַרץ שוין, ווי קויל,
מיין שוועסטער פאַרשלאָסן אויף שלעסער,
קיין קלאַנג, קיין וואָרט פון איר מויל.

וואָס ווייטער געשען? — נישט וויכטיק,
באַפרייט האָט מיין שוועסטער דער טויט;
פאַר קומענדער וועלט, וואָס איז ליכטיק,
מיין שוועסטער איר לעבן פאַרטרויט.

אָ, מייסטער! דער גאָלדענער פאָדעם
דורך דורות ער האָט זיך פאַרהיט.
די טאָכטער פון „דריי מתנות“ —
דאָס אייביקע העלדישע ליד!

ביים קבר פון י. ל. פרץ

ס'איז אַ וואַרשעווער טאָג, אַ טריבער, —
הינטער דיין גרויער מצבה
איז אונטערגעגאַנגען די זון.
אַ קראַנץ פון ליליעס ווייסע
פלאַטערט אין ווינטיקן פיבער.

צופוסנס דיין קבר
פאַרלאָזן, שטום,
אַ צעבראָכענע, אויסגעשעפּטע,
אַ געוועזענע שטאָט —
דאָס געטאָ —
אַ מדבר
מיט שטויב און ווינט פאַרפלאַנצט. —
דאָס אַלטע בית-עולם גראָד
איז געבליבן גאַנץ.

ס'איז אַ געטאָ-טאָג היינט, אַ טריבער:
אויפן הימל, דעם פלאַכן
שווימען וואָלקנס מיט ווילדע האַוואַיעס,
ווינטן שרייען אויף זייערע שפּראַכן,
פּראַווען ווילדע לוויות. —
ביי טאָג און ביי נאַכט
האָט דאָ געפלאַקערט די שלאַכט.

האָסטו דאָך אַוודאי געהערט:
מיט בלוט האָט געכליפּעט די ערד,
קוילנוואַרפער האָבן געשלוקערצט

דעם שטאָלענעם דונער צום גראַם,
האָבן קינדער אָנשטאָט מילך מיט צוקער
געטרונקען פלאַם.

עס האָט אויך אַמאָל געטראָפן:
(ווי אַזוי ווײס דער ווונדער אַליין)
ס'איז אַ קינד פון דעם פײער אַנטלאָפן
צו דײן מצבה־שטײן.
און אין גראָז אײנגעטוליעט, אין ליים
דערגרייכט דײן אנטדרעמלטן אָרעם. —

האָסטו אויפגעציטערט אין חלום —
געהיים
מיטן שאָרך פון ספרים,
גערויש פון בלעטער,
אַרײנגעשווידערט אין געטאָ.

האָסט געטרייסט, געדראָט און געוואָרנט
אויף פלאַמיקע שטאַפלען געגלאַנצט. —
דעם שונא געפעלן נאָר אונדזערע קברים —
דײן קבר איז געבליבן גאַנץ.

*

ס'איז אַ וואַרשעווער טאָג, אַ טריבער, —
פון מערב־זייט ווייעט אַ קעלט.
איבער חורבות, טיפע גריבער
וואַקלט זיך נאָך די וועלט.

פון מדבר קעגנאיבער
פליען קראָען מיט אַ פינצטער געשריי

שטילע דעפּילאַדעס פון מצבֿות
מאַרשירן אין דער נאַכט אַריין.

ביים ראַנד פון נייע מעת-לעתן
עס רוישט אונדזער האַרץ און וואַכט:
מיר זאָלן נאָר נישט פאַרגעסן
די געשוואָלענע שוואַרצע נאַכט. —

האָסטו דאָך געדראָט און געוואָרנט
אינעם אויפשטייג פון אונדזער גלאַנץ. —
אויף דער בלוטיקער פאָן פון יאָרן
דיין נאָמען געבליבן איז גאַנץ.

תל־אביב, 1951

י. י. סיגאַל

יצחק לייבוש פּרץ

כ׳בין נישט געבליבן דאָ אַ טויטער ווייסער שטיין —
אַן אוהל פאַר מיין אייגענעם געביין.

כ׳בין אויסגעשפּרייט און אויסגעמישט מיט יעדער גאַס,
מיט קינד און אַלט, וואָס איז געוואָרן אַש.

דער גרויסער שאָטן זייערער, די שטומע גראָ,
האָט מיך אין זיך אַריינגעאָטעמט און כ׳בין דאָ.
און כ׳וועל דאָ אייביק זיין ווי לאַנג עס וועט
אַן אָטעם לעבן ווינטלען זיך אין טייך־טשערעט;
אַ שטערן — קוקן פון דער הויכער נאַכטיקער וועלט;
דער עליט פון מיין אויסגעלאָשן פאָלק —
נישט אָפּטרעטן פון שוועל פון מיין געצעלט.

איך שלאָף מיין אייביק־שלאָף אין די פיר טויטע ווענט,
נאָר כ׳זע, ווי ס׳שטרעקן זיך פון גאָר דער וויסט אַרום
מיליאָנען ביינעריקע, רופנדיקע הענט,
און שטילער מורמל סודעט מיר אין אויער: קום!
מיר וועלן דיך אַוועקטראָגן פון דאַנען ווייט אַהין
אין יענער הויך און לויטערקייט, וווּ אונדזער רויך
האָט זיך דערליכטיקט ביז צו דורכזיכטיקן בלוי,
דערהימלט ביז צו שטילסטער זיידנדיקער דין.

נאָר איך בלייב איינגעאָרעמט פעסט אין זיך אַליין
אין די פיר ווינקלען פון מיין לעבעדיקן שטיין.

מאָנטרעאַל, 1952

אפרים אויערבאך

עטלעכע שורות פרץ

ס'האָט פּרץ, אין ר' שלמהס זויבערן געשטאַלט,
געוואָלט די וואָך פאַרזמרן אין זיידענע מאַטיוון,
די שבתדיקע זון פאַרהאַלטן איבער אונדזער גבעון,
נאָר מיר, ווי פּנחס, האָבן זיך בדיל-הדל'ט,
זיך אויסגעטאָן דאָס זייד, — נישטאָ איז קיין גאולה נאָך,
דעם ר"ן פאַרביטן אויפן זיידן כעסיקן פון שפּאָלע,
מיט וואָכעדיקן ניגון אָפּגעמאַכט הבדלה, —
אַ גוטע וואָך, אַ פולע וואָך, אַ דולע וואָך.

פאַר שטערן — האָט ער פינטעלעך צעזייט אין כתב,
פאַר הימל — האָט ער יידישע געדאַנקען אויסגעלייטערט,
דאָס וואָרט, האָט ער געלערנט, פליט פון ווערטער ווייטער,
אַז ס'האָט אין זיך אַ פונק פון געטלעכן באַשאַף.
שייל-אָפּ דאָס וואָרט פון זיינע שאָלעכצער-באַוואָרענער,
פון אייביק זאָגט דאָס וואָרט: מיין נאַקעטקייט געטרויי מיר.
ביי ליכט-באַשאַף וואָס שטייט? אַ פשוטער ויאמר,
פון ליכט איז אויפגעגאַנגען וואָרט, ווי זאַנגען קאָרענע.

נאָר בחירה חפשית האָט די קרוין פון דעם באַשאַף,
אין קלייב פון יצר-טוב און יצר-הרע
איז אָנגעוואַקסן אויפן וואָרט אַ קאָרע,
פאַרהאַרטעוועט אויף דעם און יענעם בלינדן דף.
מיר ווילן זיך פאַרטייטשן, — מיר, די נישט-געוואָרענע,
נאָר נישט-דערטייטשטע, אָדער טייטש-פאַרגרייזטע,
אין זיך אַליין פאַרשוועכן מיר דאָס גאָט-געטרייסטע,
דאָס פשוטסטע, וואָס צייטיקט זיך, ווי זאַנגען קאָרענע.

ר׳ אלימלך, דער ליזענסקער, האָט געזאָגט,
אַז נאָר איין וואָרט אין שלימות איז אַ זכיה, —
און פּרץ האָט געזען ווי ווערטער פליען,
און פליגלען, נאָכצופליען זיי, האָט ער פאַרמאָגט,
געדאַנק האָט ער געזען, ווי שטערן ערב־מולדן,
געפיל האָט ער, ווי יוסי סגי־נהור,
מיט הענט דערטאַפּט, און פון דער וואָך דער גראָער
אַרויסזיפּן געוואָלט דעם שבת דעם פאַרקנוילטן.

כ׳האָב פּרצן געזען אין שאָטן פון זיין שטוב,
כ׳האָב פּרצן געהערט — זיין קול ברמה נשמע,
מיין יאָרן־ספר מיש איך, און טויִק זענען פריש מיר
די שורות פּרץ ביי אפרים בן אלעזר שו״ב.

— — — — — — — — — — — —

אַ כמורנער טאָג איז היינט. די וואָלקנס, צוגעבויגענע,
דערפאַלן צו מיין פענצטער, אין דער נידער רויע,
איך לייען זיך אַליין — אַ מעשהלע שהיה
מיט ווערטער ווייט־פאַרפאַלענע און נישט־דערפלויגענע.

ניו־יאָרק, 1952

בינם העלער

אוהל פרץ

אין דעם סאַמע האַרץ פון פּוילן —
אין דער שטאָט פון שטאָלץ און טרויער —
אויף דעם וואַרשעווער בית־עולם
שטייט דיין מאָנומענט דער גרויער.

וויפל שפּאַן פאַרנעמט די קרקע? —
אויסגעמאָסטענע פיר איילן
האָבן די קברנים קאַרגע
דיר באַשלאָסן צוצוטיילן.

שטח איז געווען צו ווייניק
פאַר דעם שווונג פון דיינע פליגל —
צווישן ענגע קברים־שטיינער
איז דיין אוהל אויפגעשטיגן.

צווישן דיר און דער צעגלאַנע
האָט געווילדעוועט אַ פייער —
נאָר דיין אוהל איז געשטאַנען,
ווי אַ טורעם אַ געטרייער.

האָסט געזען ווי קעגנאיבער,
צווישן קנוילן רויך און פלאַמען,
אויפגעקלעטערט האָט אַ גיבור
מיט זיין פרייער פאָן צוזאַמען.

איבער גאַסן די פאַרברענטע,
איבער קופּעס שטיין און ציגל,

אויפֿן דענקמאָל האָסט דערקענט אים
ווי דעם ערשטן מענטש מיט פֿליגל.

נייע גאַסן וועט מען בויען,
נייע הייזער וועט מען שטעלן,
נאָר פֿון דענקמאָל צו דיין אוהל
וועט מען נישט דעם וועג פֿאַרשטעלן.

איבער אַלע פֿרישע הייכן,
איבער מויערן און דעכער —
אייביק וועסטו צו אים גרייכן
מיט דיין וואָרט:
— אויב נישט נאָך העכער!

וואַרשע, 1955

יצחק לייבוש פרץ — אונדזער טאַטע

א

ווידער שוין אַ נייער גילגול פונעם טאַטנס אַלטן ניגון!
וויגט זיך, וויגט זיך און הערט נישט אויף זיך אומצוּוויגן,
נעם אַ טאָן פון אים, און צי אים ווייטער!
אינעם חושך פון דער נאַכט — אַ שייטער
וואַרפט מיט פלאַמען צו די ווייטן, צו די הויכן.
זעט, ווי צווישן כוואַליעדיקע און געדיכטע רויכן
בלענדט אויף פאַר די אויגן אַזאַ העלע דאַטע, —
יצחק לייבוש פרץ — אונדזער טאַטע!

ב

שטייסט פאַרגאַפט, געפּלעפט, פאַרוווּנדערט, —
אַ יאָרהונדערט
פון נסיונות
און בזיונות,
וויינענדיק און זיפציק.
אָבער נײַנצן איין-און-פופציק
איז פאַר אונדז אַ העלע דאַטע,
טאַטע
ברעכט אַ גראַטע
פונעם שווערן תפיסה-טויער.
אין דער נאַכט פון שווערן טרויער
האָט די טרייסט אַ ליד פאַרצויגן.
אָנגעפלויגן
איז אַן אָדלער פון די ספערן,
און געבראַכט דעם פינקל פון די שטערן.

טרייסט מײַן פֿאָלק זיך, טרייסט זיך!
אונדזער וועלט דערלייזט זיך
פֿונעם שווערן טרויער.
האַמער־קלעפּ ביים טויער, —
ברעכט זיך גראַטע נאָך גראַטע, —
אונדזער ווּנדערלעכער טאַטע
יצחק לייבוש פּרץ
האָט פֿאַר אונדזער שווערער קשיא קלאָרן תּירוץ!

ד

דער בראשית־זאַמאָשטש, וואָס אין פּוילן.
שלייערדיק, פֿאַרהוילן,
ציטערניש אין צאַפּלעניש, סכנהיש.
שווער גערענגל, — מאַניש
אין דער נעץ פֿון ליליתן, דער מכשפֿה.
וואָס געוואָרצלט איז אין שׂרפֿה,
און אַ פֿלאַמיק־פֿייער
איבער דאַך פֿון אונדזער שייער
גייט אויף אין אַ פֿלאַקער,
אָבער טאַטע אונדזערער מיט שאַרפֿן אַקער
רייסט־אויף פּאַסן פֿון דער ערד, דער רויער.
שפּעטער איז דאָס וואַרשע. הימל איז אַ גרויער
איבער ציפֿערן טאָג־טעגלעך.
וועלט איז אומבאַוועגלעך
אין דעם שטיבל פֿון דער וואַרשעווער גמינע,
אָבער איבער געסעלעך און גאַסן בלאָזט אַ פֿעלערינע,
און זי ווינטלט.
אומרו זוכנדיקער פֿינטלט
מיט די אויגן.
חלום — שיינקייט פֿון אַ רעגנבויגן

איבער שפּיץ פון וואַקסנדיקן טורעם,
און די וואָר — אַ שטורעם.
שטילער, שטילער, דרך־ארץ, —
יצחק לייבוש פּרץ
אונדזער טאַטע
רייסט אַ גראַטע נאָך אַ גראַטע
פונעם שווערן תפיסה־טויער,
און עס צערטלט אַזאַ טרייסט דעם אויער:
— טרייסט מיין פאָלק זיך, טרייסט זיך,
וועלט באַנייט זיך, — זי דערלייזט זיך!
— מיין נישט, אַז אַ הפקר איז באַשאַפן!
און די מענטשן הערן, גאַפן:
— שטיינערנע פּאַלאַצן, קרישטאָלענע זשיראַנדעלן,
און עס הייבט אָן העלן איבער אַלע שוועלן!

ה

שבת, יום־טוב און ראש־חודש, —
אונדזער לעבן — כולו קודש
אויך אַפילו אין דער וואָכן.
בלענדיקער בטחון,
העלער גלויבן,
און דערהויבן
פול מיט יחוס
טראָגט זיך די שליחות
אינעם קול פון אונדזער יידיש.
נישט קיין חידוש, —
דרך־ארץ, דרך־ארץ, —
אונדזער טאַטע יצחק לייבוש פּרץ!

ו

אין דעם געסעלע — צעגלאַנצע
זענען קינדער זיך מקנא
מיט דער ליבשאַפֿט פֿונעם טאַטן.
הונגעריקער גייט צום זאַטן,
און דער זאַטער קומט אַנטקעגן
איבער אַלע וועגן.
זעט נאָר, זעט נאָר, — מענדל דלות
מאַכט „המוציא" איבער עוזר נגידס חלות,
און עס פֿלעמלען אויף מנורות.
נייע דורות
קומען אָן און גליִען
און זיי ציִען
פֿון אַן ערגעץ
צו אַן ערגעץ,
זינגענדיק די לידער
פֿון די בלייכע נייטאָרינס און צוויי ברידער,
און נישט איין מאָל איז דער שכר־הליכה
רשעות און רציחה.
קינדער גייען
און פֿאַרזייען
דורך סכנות
טאַטנס „דריי מתנות",
בריסק און ביאַלע
ווערן פֿאַר דער וועלט נתגלה,
און נתעלה,
און עס שפּרייט זיך אומעטום די נייעס
פֿונעם טאַטנס „שלום בית".
ווייַנען שוימען אין די בעכער
פֿונעם טאַטנס „אויב נישט העכער".
קייטן רייסן זיך פֿון פֿאַליש,

און דער חלוש
ווערט אַ גיבור.
שבת-ליכט אין אַלע שטיבער,
און אין קייט דער גאָלדענער שמידן קינדער נייע רינגען,
און זיי זינגען:
— אַט אַזוי-אַ גייען מיר,
פאַרזייען מיר,
דערפרייען מיר,
— אַט אַזוי אַ גלייבן מיר,
דערהייבן מיר,
דאַנקען מיר, און לויבן מיר, —
וויגן און צעוויגן
נייעם גילגול פונעם טאַטנס אַלטן ניגון:
— שבת, יום-טוב און ראש-חודש, —
אונדזער לעבן — כולו קודש
אויך אַפילו אין דער וואָכן:
העלט, צעהעלט איז דער בטחון,
ווייל שליחות
איז פון גרויסן יחוס!
— שטילער, שטילער,
דאַנקען וויל ער
פאַר עליה,
פאַר דער זכיה
פון דער העלער דאַטע, —
אונדזער גרויסער טאַטע
יצחק לייבוש פרץ, —
דרך-ארץ! דרך-ארץ!

ניו-יאָרק, 1951

אריה שמרי

י. ל. פרץ

א

פון מיין האָב און גוטס,
פון מיין זינגעוודיקער אָרעמקייט
גייען אויף ווי מידע שפּעלעך די רייד
צו דיר און צו דיין ברונעם.

אָן גראָע האָר איז נאָך מיין קאָפּ,
נאָר דורכגעשטערנט האָט דיין יחוס
פון שאַרבן ביז די זוילן,
און ס'שיינט צו מיר דיין אוהל
פון פאַרשנייטן פּוילן.

און שפּלע קניִען מיינע שפּעלעך צו דיר
אין אויפגאַנג צו דיין אוהל אויף די שטיגן.
אַז ווייל זיי, ווייל זיי אָן אַ שיער,
ווען עס גילגולט זיך דיין ניגון.

ב

פון שפּענער — בינטן אין וואַלד גייט קלייבן,
בינטל צו בינטל פּעסט פאַרקניפּן,
גייט צום שטיבל ווו ס'איז קאַלט אין אויוון
און טראָגט די ברכה אויף שטומע ליפּן.

— אזוי האָסטו, טאַטעניו, באַפוילן,
וועלן מיר טאָן אזוי ווי דיין פאַרלאַנג.
מיר קומען אַלע פון וואַלד, פון גרוילן,
אויף פּלייצעס — בינטן, אויף ליפּן — געזאַנג.

ג

פון ר׳ עקיבא אין פייערקאַמען —
דורכגעגאַנגען הייסע צוואַנגען
פון די ת״חן און די ת״טן,
און דערשריגן און דערזונגען
ביז פּאָדאָליע און קאַרפּאַטן;
און מיט ווייסלם בלאָע כוואַליעס
זיך פאַרוויקלט און פאַרטליתט
ביז דער ברייטער פעלערינע
פון אונדזער גרויס-געזאַלבטן טאַטן.

דיין אוהל צווישן חורבות — אַ קרוינשטול אַ פאַרווייגטער —
רופט יתומים צווישן ימען:
גייט אויף חורבות! גייט דורך פלאַמען!
גייען מיר אויף חורבות,
גייען מיר דורך פלאַמען,
אויפגעהעלטע,
מיט אַ מזמור — אַלע וועלטן.

אַ מזמור וועלטן
פון שטאַם דעם אייביקן פון טויט,
פון שטאַם דעם אייביקן פון אויפשטיין,
און מיר פלעכטן אַלץ דעם חלום אין די טיפסטע ווונדן.

אַ נר-תמיד אויף דיין אוהל
פון אַלע שייטערן געצונדן.

עין-שמר, 1951

משה יונגמאַן

די גאָלדענע קייט

װען עס רײסט זיך איבער אין מיטן די קייט,
פאַלן כורעים דערשראָקענע רינגעלעך.
צינגל זיך, פייער, צינגל זיך...

אַ רעש אין פמליא של מעלה: די קייט
איז צעריסן געוואָרן, די גאָלדענע קייט.
און גלעקער אין הימל צעקלינגען זיך.
צינגל זיך, פייער, צינגל זיך...

פאַלן שטערן אַראָפּ אין דער לענג, אין דער ברייט,
װילן באַהערשן די גאָלדענע קייט,
נאָר די שטערן ווי פונקען צעשפּרינגען זיך.
צינגל זיך, פייער, צינגל זיך...

הויערט די קייט פאַרגליווערט און שטום,
פאַרלאָשן די שכינה, פאַרגאַנגען די זון.
וווּ זײַט איר, רינגעלעך, רינגעלעך?
צינגל זיך, פייער, צינגל זיך...

נאָר ווען רינגעלעך וועלן ווי ליפּן פון גאָלד
געגענען מיט אָפּשיי צום ווייטיק, וואָס תהומט,
וועט אַ פייער פון ליבשאַפט צעצינגלען זיך
און די קייט פון דאָס ניי וועט צעזינגען זיך.

באַנטשע

נאָך ווײַנט אין מיר די שטומיקייט באַנטשע שווייגס.
נאָך שפּיזט מיך אויף אין ווינקלדיקע הייזער
זיין שטאַרער קוק. און הויקערדיקע ברוקן,
ווי טשערעפּאַכעס שוואַרצע, מעסטן אוים מיין מוח
מיט שאַרנדיקע טריט,
מיט הינט,
מיט פחדימדיקע טירן...

גיי איך אין גאַנג מיט אים און שווייג מיר אוים אַ גורל.

וועקן מיך אויף פאַרסאַזשעטע מידע קולות
פון נאָנטער גאַרבעריי. געוויין פון קינדער
און שטעפּן פון מאַשינעס אויסגעמישט מיט הוסטן
באַגלייטן מיך אַרוים. איך ווער געבלענדט פון ווייסקייט,
לויף צוריק דורך טונקעלע קאָרידאָרן.
פאַרפּלאָנטער זיך אין שפּינוועבס.
און ווי אַ קראָט מיט קלאַפּעדיקע שלייפן
גראָב איך זיך טיפער איין אין ווענט,
אין טוכלע האָלץ,
אין פוילנדיקע שאָטנס...

מיך וואַרפט מען פון די טרעפּ, מיך יאָגט מען פון די טירן.
מיט נאַסע פליגל פּאַטשט מיר ווילד אין אויער
דאָס וואָרט „לא יוצלח”. שאַר איך ביי די ווענט זיך
געטריבן פון מיין אומרו.
טראָג איך אויף זיך מיין שווייגעניש — אַן אָרון.
און הוק און סטוק און יאָגן פון מאַשינען,
פאַרקלעמטע צונג און נאָגנדיקע מיאוסקייט
צעברענען טיפער אַלץ אין מיר די וווּנד,
די דורותדיקע שרעק,
אַז איך בין באַנטשע...

....קאָרטשע איך זיך צונויף און ווער אַלץ קלענער.
זאָל מיאוסקייט פון מיין גוף נישט זיין צו גרויס זיי.
זאָל דערנערדיקער קוק, וואָס בויערט אוים די אויגן,
נישט אָנצינדן אַ וועלט. ווער איך פאַרברענט פאַר ווייטיק...
שפּאַנען אַריבער אויף מיין הארץ די יאָרן
ווי בלוטיקע אַרמייען. אונטערגאַנג און פיבער.
בין איך אַ גרודע טאָרף צעטראָטענער פון זוילן,
קוק מיט פאַרגלאָזטע אויגן צו די הימלען
וואָס זענען גלאָז ווי איך. און וויין:
איך וויל צעברעכן זיי,
נאָר ווער אַליין צעבראָכן...

שוויג איך אַרוים פון טאָרף, שוויג איך אַרוים פון קברים.
מיין שווייגעניש צערודערט אָפּגעברענטע כאַטעס
און בערג מיט מענטשיש אַש.
צעעגבער איך די שטילקייט:

זאָל אינעם זכות פון מיין נישט-קאָנען שרייען
צעפּלאַצט ווערן דאָס אויער פון דער וועלט. פאַרנעמען
זאָל זי איר אייגן אַך און וויי, און לשון קריגן
זאָל זי דעמאָלט נאָר, ווען ס'וועט איר ווי טאָן...

קאָן זיין, אַז פון די באַכן שטומע טרערן,
וואָס איך האָב קיין מאָל נישט דערוויינט,
וועט אויפגיין פריידן,
וועט אויפבליען דער צוויט פון שטאָלצע דורות.

תל־אביב, 1951

י. ח. בילעצקי

צו י. ל. פרצן

כ'האָב געזען אויף וועלט־ירידן,
אָנגעטרונקענע מיט טרערן,
דיינע יום־טובדיקע יידן
בויען בריקן צו די שטערן.

כ'האָב געזען דיין וואַסער־פירער
אויף די פלאַמענדיקע דעכער.
ס'איז אַ יידישער מאַרטירער
אַוועק צו הימלען, — אויב נישט העכער.

אויפן מאַרק, אין דעם געוויטער,
מיט דער חכמה פון אַ תם,
האָט ר' שלמה, ווי אַ היטער,
אויסגעהיט פון וואָלף די לאַם.

ס'האָט דיין בדחן אויסגעשריגן:
„לעבן נעמט מען מיט געוואַלט!"
און אַזוי זיין האַרץ, זיין ניגון
וואַנדערט אום אין יידיש־וואַלד.

ס'האָט דער בדחן צוגעגעבן:
„אין דיין גלויבן עקזיסטיר!"
איז אַוועק זיין יידיש לעבן
טרוימען ווייטער אין דיין שיר.

יונתן מיט זיינע טויבן
אין זיין טיפן טרויער, צער

האָט געטראָגן אונדזער גלויבן
אין דעם שטורעם, און געפֿאַר.

האָסט געלערנט: ס׳איז כּדאַי
ווייטער שמידן ייִדישקייט,
ווען דער ניגון איז דערבײַ
און דאָס האַרץ צום המשך גרייט.

— און אַזוי־אָ גייען מיר, די נשמות פֿלאַקערן,
און אַזוי־אָ גראָבן מיר מיטן פּלוג אין טיפֿער בייט.
אין ישׂראל מאַכט הבדלה ר׳ שלמה ביי דעם אַקערן,
און דײַן תּמימותדיקער באַנטשע שמידט ווייטער די קייט!

תּל־אָבֿיבֿ, 1964

יעקב צבי שאַרגעל

שטילער, שטילער...

פאַרנאַכט. —
קרישטאָלענער, ווייסשנייִקער פאַרבלענד.
די קעלט, וואָס יאָגט פון מרחקים
שלאָבריקט די הענט.
אָרום דיר ווערט שטיל, שטילער.
דער גייער זינגט נישט דיין ליד —
ער איז מיד,
אין ווינטערדיק געמיט.

פון בוים איז פאַרפלויגן דער לעצטער טרילער.

נאָר מיר איז וואַרעם אין קרייז פון דיין ניגון. —
אייל איך — פון ליימיקע וועגן,
ביז רחבותדיק ברייט ווערט דער שליאַך,
צו גרייכן דיין אוהל,
צו שטילן די קריגן,
פאַרהאַלטן מיט זיך דאָס געקראַך.

אויך דער שבת איילט-אַוועק אין פאַרנאַכט
אין באַנגשאַפט געגאַרטלט.
עס גייט אַוועק די שיינקייט,
די פּראַכט,
דאָס וואָרט ווערט פאַרשפּאַרט,
און דאָס ליד פאַרשטאַרט ווערט,
ווי עס וואָלט זיין שוין פאַרשפּילט די שלאַכט.

וויינט דער זמר: „שטילער, שטילער"...
און יאָמערט מיט סוף, מיט פאַרלענד.
איז וועמען וויל ער לויבן, וועמען „דאַנקען וויל ער"? —
טויזנט תפילה־אויגן צו דיר געווענדט.

פתח־תקוה, 1964

א. נ. שטענצל

ביי פרצעס מצבה

נישט פאַר אַ רבינס אָן אוהל — פּרץ,
פאַר דיין מצבה געבויגן כ׳בלייב שטיין;
„חמדת שלמה״, ר׳ שעיהלע פּראַגער, —
ווי אומשטערבלעך גרוי זיי זאָלן נישט זיין.

דער גרעסטער פון שטאָט דאָ, בלייבן וועסט דו,
וווּנדערלעך געוואַלטיק, קוים צו פאַרשטיין;
זיי, פשט צו פּסוקים, פשטלדיק געשריבן,
דו — ממעמקים, פּסוקים אַליין.

ניין, קיין קוויטל איך לייג נישט אַנידער,
און נישט מיט געוויין דיין קבר כ׳רייס איין:
אַ פאַרטיפטער כ׳שטיי פאַר דיין מצבה,
און פון דעם וואָס געשען כ׳פאַרשטיי דעם מיין —

פּרץ, דיין „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״,
פּסוק נאָך פּסוק מיטן טראָפּ איך לייען;
וויפל פשטים אין דיין יעטוועדן וואָרט,
אין יעדן פינטעלע כ׳טייטש פיל אריין —

פאַלנדיקער טרער־טראָפּ, פאַלט אין מיין הארץ,
בלויז לויטערער נאָך, אַ וואָרט קאָן זיין ריין — —
אַ פינטעלע ליד, פון דיין גרוים געזאַנג,
כ׳שטיי דאָ, אַ ייד, איבער חורבות געקומען צו גיין.

לאָנדאָן, 1963

ש. בודין

פופציק יאָר מיט פּרצן

פופציק לאַנגע יאָר —
און דער פאָדעם האַלט זיך אין איין ציען.
פופציק אָפּגעלעבטע יאָר —
און די זעלטן-שיינע בלום האַלט אין איין בליען.
קינדער-יאָרן, מיינע יאָרן, פופציק יאָר צוריק, —
ווי דורך אַ פאַררויכערט גלאָז אויף יענער צייט איך קוק.

נײַנצן הונדערט צוועלף, נײַנצן הונדערט דרײַצן,
נײַגיר טרייבט אַ יינגל ווי מיט שאַרפע בייטשן.
וואָס איז „מאָניש", וואָס איז „באָנטשע", וואָס איז „אויב נישט
נאָך העכער"?
ווי זאָל יינגל פערצניאָריקער עס אויסטייטשן?

און פּרץ, פּרץ — דאָס פּנים מיט צוויי גרויסע שוואַרצע אויגן,
פון קאָראָסטישעוו ביז וואַרשע אויסגעצויגן.
און צופוסנס און אויף פערד און וואָגן,
ועסטו די ווערטער, די רייד, די געדאַנקען,
פּרצעס פייער-פויגל אויף שטעטל בלאָטיקע וועגן נישט דעריאָגן.

און איך דאָס יינגל פון יענע יאָרן,
בין קיין וואַרשע צו פּרצן קיין מאָל נישט דערפאָרן,
ביי פּרצעס טיש בין איך נישט געזעסן,
קיין מאָלצייטן און כּיבוד מיט אים נישט געגעסן.
נאָר דאָס פּנים זיינס און זיינע אויגן —
אויף קאַרטלעך און שער-בלעטער, —
ביז היינט כ'האָב נישט פאַרגעסן.

פופציק לאַנגע יאָר אָן פּרצן, —
וואָס האָט זיך מיט מאָנישן, מיט באָנטשען,
מיט זיינע העלדן און מאַרטירער פאַרלאָפן?
וואָס פאַרא גרויסע אומגליקן זיין און מיין פאָלק האָט געטראָפן?
אָפּגעווישט און צעבראָכן פּרצעס שבת־יומטובדיקע וואָכן,
און זיין ייִד פון לאַנד פּוילן פאַרברענט,
פאַרשרפעט אין אַש, אין קוילן פאַרלענדט.

ניינצן הונדערט צוועלף, ניינצן הונדערט דרייצן,
פון זינט יענע יאָרן פּרצן קאָן איך שוין פאַרטייטשן,
מיט מיינע געלעבטע יאָרן כ׳האָב געהאַלטן אין קלייבן און אָפּשפּאָרן,
פּרצעס טיף־מענטשלעכע געזאַנגען, —
און מיט זיי ביז היינט אומגעגאַנגען.

ניו־יאָרק, 1965

אליהו רייזמאַן

אויבֿ נישט נאָך העכער

סליחותדיקע נאַכט,
מוטנע שטערן איבער דעכער,
האַק אין גאַרטל פאַרשטעקט,
אין גרויער סוויטקע
דער נעמיראָווער שפּאַנט
קיין „אויב נישט נאָך העכער".
צווייגן, בלעטער
שורכען שטילע.
הויבט די אויגן אויף צום וואַלד,
יעדער בוים —
אַ תפילה.

דער נעמיראָווער שפּאַנט,
אויף פּלייצע
האָלץ אַ בינטל,
נעפּל גייט אָפּ,
עס וועקט זיך אַ ווינטל,
אין בלינדקייט פון אַ פענצטער
פּויקן זיינע הענט,
אין קאַלטער הרובע
אַ תפילה ברענט,
תפילה איבער מאָרגן־ראַנד,
איבער בערג און טאָלן.
אין קראַנקן בעט
עמעצער טראַכט: —
מיט וואָס דעם „גוטן גוי"
פאַר זיין טרחה באַצאָלן?

אַלע מענטשן זענען ברידער

פּראַל אויף דאָס קוואַליקע ליכט פון וועלט,
זאָלן שטערן לייכטן אין טאָליקער נידער
פאַר אַלע זאָלן רייפן ברויט און פעלד, —
„אַלע מענטשן זענען ברידער".

„אַלע מענטשן זענען ברידער" —
דאָס ליד נאָך דיר פאַרבליבן,
צווישן חורבות און קברים־גראָז,
האָב איך אויפגעקליבן.

„אַלע מענטשן זענען ברידער",
אין וועג צו אחרית הימים,
נאָר צוגענאָגלט געווען איז
דאָס ליד צו שוואַרצע צלמים.

דאָס ליד אין הבלם מויל,
אַ תפילה צום מיטמענטש אויף גאָרער ערד,
מיט דעם ליד זיין ברודער קין,
פאַרבייט דעם אַקער אויף אַ שווערד.

קיינס וועלט, קיינס טעג,
פאַר יעדן מאָרד, אַ תירוץ.

עס וועט נאָך דיין ליד,
צום זוניקן לאַנד געפינען דעם וועג,
גרויסער יצחק לייבוש פּרץ.

וואַרשע, 1915

דוד ספּאַרד

ס׳איז וואָר און ס׳איז חלום...

עס זענען די הערצער פאַרקוילט אינעם פייער,
עס זענען די ווערטער דערשטיקט אין די רויכן,
נאָר ס׳איז נישט פאַרשוווּנדן דיין ניגון דער פרייער,
וואָס האָט ווי דאָס זון-ליכט געשטראַמט פון די הויכן.

מיט שוועסטערס געביין איז דיין מאַרק איצט פאַראַקערט,
דיין גאָלדענע קייט איז אויף שטיקער צעריסן,
נאָר ס׳האָט זיך דיין חלום אין פאָנען צעפלאַקערט,
דיין חלום פון פוילן מיט וואַכן געוויסן.

עס טראָגן אים מענטשן פון קעלערס געקומען
אין לויכטנדע בליקן, אין הערצער אין שטילע,
ווי ליכט פאַר דעם אָנדענק פון באָנטשען דעם שטומען,
ווי ליכט פאַר דעם אָנדענק פון מאָניש דעם עילוי.

און די, וועלכע האָבן פאַרמיטן די פלאַמען —
דער איינער פון שטאָט און די צוויי פון משפחה —
זיי קומען זיך אָפּט אין דער הויפּטשטאָט צוזאַמען,
און איינער דעם צווייטן דערציילט זיין מערכה.

דער וועבער האָט אַרבעט און ליבע געפונען,
דער טרעגער זיך עלטערט מיט חנהן אין פרידן,
און מירל, די טאָכטער די יינגסטע פון גרונען,
לעבט אויך שוין מיט מאַן און מיט קינדער צופרידן.

נאָר בערל דער בטלן שיינט מער פון זיי אַלע;
ער ווייסט ווער ער איז איצט — אַ בירגער אַ פרייער!

דאָס לעבן אַליין האָט פאַרענטפערט זיין שאלה —
און אַלץ איז אים ליב דאָ, און אַלץ איז אים טייער.

ער פירט זיינע פריינד אין די נייע קוואַרטאַלן,
מיט אויגן צעפינקלט, ווי ליכטיקע שטערן,
באַווייזט זיי די גערטנער, די פּלעצער, די זאַלן —
אַ שטאָלצער, ווי אים זאָל די שטאָט איצט געהערן:

— אָט זעט — ווי עס הייבן זיך פרישע בנינים,
ווי ס׳וואַקסט אונדזער העלדישע שטאָט ווי אין חלום! —
און חיים, ווי שטענדיק, מיט גוטסקייט אין פּנים,
באַמערקט אין דער שטיל אים: אַ סימן פון שלום.

נאָר בערל איז איצטער פאַרקוקט אין די ווייטן:
— אָט זעט, ווי מיר גרייכן אַלץ העכער און העכער,
און בויען פאַליען פאַר קומענדע צייטן,
און דעקן מיט זון־שיין די גלעזערנע דעכער.

און ס׳ענטפערט דער וועבער אים אָפּ איצט באַשיידן:
וואָס טויגן די ווערטער? די מעשים דערציילן —
נאָר פּרצעס בליק איז פאַרליבט אין זייביידן —
די וואָר און דעם חלום איז שווער דאָ צו טיילן.

ווייל אַלץ, וואָס געשעט דאָ, איז ווי אין זיין מעשה
פון צייטן משיחס, פון אייביקן שלום —
אַ קינד ווערט געבוירן מיט פליגל מיט ווייסע
אין פוילן זיין לאַנד. און ס׳איז וואָר, און ס׳איז חלום...

וואַרשע, 1951

בער גרין

י. ל. פרץ

אויף פעלדער פוילנס,
מיט יידן־קברים פאַרזייט,
עס וואָגלט אָן אָבל,
דער פרץ־גייסט, געשמידט אין קייט.

עס ברענען, עס יאָמערן
די צייכנס פון זיינע טריט,
אונטער יעדן טראָט —
אַ קדוש, אַ ייד...

אויגן זיינע — בעכערס מיט טרערן —
באַגלייטן נשמות הייליקע צו די שטערן.
באַגלייטן מאַנישן, באַנטשע שוויַגן, יידן פון „פאָלקסטימלעכע געשיכטן”,
יידן פון דלת־העם, דעם טיפן און געדיכטן.

„שבת־יום־טובדיקע יידן” דיינע —
אַש און ביינער און ערד.
זייער לעצטן גסיסה־קרעכץ
אין דיין קבר האָסטו דערהערט.

צו אָשוויענטשים און טרעבלינקע,
צו יידן הייליקע, צו חרובע וויגן,
קומט דיין „מיין נישט, די וועלט איז אַ הפקר!”,
טראָגט זיך דיין אייביקער, ליכטיקער ניגון.

ער ציטערט און פלאַטערט און צינדט־אָן
ס'הארץ פון „צאן־קדושים” — אַ פרץ־פּאָן.

אין ביינער אונדזערע לייכט און טליִט
און גליִט דיין פּרץ-פונק, דאָס פּרץ-ליד.

צום האַרץ פון פאָלק
זאָל ניגון דיינער נאָך העלער, ברייטער שטראָמען,
צו די אַש-בערג פון קדושים און הרוגים,
צו טאָלן-טיפן פון בלוט און טרערן, צו הייליקע תהומען.

טראָגן מיר פאָרויס,
דיין שטורעם, דיין חלום, דיין ברויז,
טראָגן מיר ווייטער,
דיין פּרץ-פלאַם — פלאַם פון אייביקן שייטער.

ווי דער סנה ברענט דיין וואָרט און ברענט,
און ווערט קיין מאָל נישט פאַרברענט.
וויקלען מיר אונדזער ליד, אונדזער ליבע
אין בלומען-קראַנצן ביי דיין מאָנומענט.

דענקמאָל פּרץ, אוהל פּרץ,
אין האַרצן אונדזערן האָסטו אויפגעשטעלט.
פון אָשוויענטשים-פלאַמען שטייט-אויף דיין רוח-חיים,
צעהעלט ווי דער סנה איבער גאָר דער וועלט.

איבער אַלע פאָנאָרן,
איבער אַלע באַבי-יאַרן,
דורך קולות וברקים פלאַקערט דיין רוף צום אייביקן קיִין:
„אָ, מיין נישט, לית דין ולית דיין!"

ניו־יאָרק, 1964

ל. מילער

יוד למד פרץ

1

גוטהאַרציק און פרום
האָט מיין מאַמע אין יידיש־קודש „געזאָגט"
איר „גאָט פון אַברהם".
זמירות אָן ווערטער האָט מיין טאַטע געזונגען.
מיט אויגן צוגעמאַכטע
פלעגט ער זינגען, זיך וויגן.
און איך האָב מיט תענוג געשלונגען
אַ „גלגול פון אַ ניגון".

געלייענט, געגאַפט.
ס'האָט אומעטיק ווייך זיך דער אָוונט
אַריבער די שורות געשפּרייט,
דאָס האַרץ האָט געציטערט, געווען איז מיר „באַנג" —
כ'האָב געאַנט: „ר' חיימל מוזיקאַנט
פון מאַכנאָווקע זינגט",
ווי מען שפּילט אויף אַ פלייט
„נשמה פון געזאַנג".

2

האָסט פאַרמאַכט די גמרא „בבא קמא",
זיך גענומען איבער שטעגן שמאָלע און געדרייטע,
זוכן אין קבלה,
זין פון וועלט און מענטש־באַשאַף;
באַנעמען און פאַרשטיין דעם מיין פון גאָט.
געלאָזט זיך שווימען אין „מורה נבוכים",
פון אייביקן לעבן געפינען דעם סוד.

פון דאָרטן — איבער טרעפּ אַרויף
צום „שלאָס", דעם „גרינעם",
דעם וועלטלעכן, דעם פרעמדן — דערגרייכן די „הויכן".

האָסט אין די הויכן באַנומען:
וואָס העכער דאָס שטייגן, אַלץ ווייטער פון כלל.
„מענטש לעבט פאַרן פאָלק",
און דאָרט איז דער קוואַל, „דאָס אייביקע לעבן".
אין פאָלקישן ברונעם האָסטו אוצרות געפונען —
געלייטערט, געוועבט, אַ, וויפל „מתנות"!
באַהאַפטן די רינגען פון דורות —
דעם עבר, דעם איצט און דעם עתיד;
וועלטלעך, מתנגדיש, חסידיש,
פון פאָלק און פון יידיש — „די גאָלדענע קייט".

3

כ'האָב נישט עולה-רגל געווען צו דיין „אוהל",
איך זע דיך און הער דיך אין דער יידישער שול,
דורך פרילינג און ווינטער, דורך שטורעם-געוויטער,
דו ביסט אין די קלאַסן מיט לערער און קינדער,
וועמענס היטער און גואל ביסט געווען און דו ביסט.

דערמוטיקסט די שרייבער, די לייענער אויך איצט —
ביסט אין אונדזערע היימען ביים שרייבן, ביים לייענען,
דו מאָנסט אונדז צו וואָגן און וועקן און זוכן.
צעשטראַלט איז דיין נאָמען, אַ שטענדיק-צעבליטער,
אין די ביבליאָטעקן, פאַרלאַגן און שרייבער-פאַראיינען.

פון געפאַר דאָס פאָלק פאַרהיטן האָסטו קעגן שטורעם
זיך אַליין געשטעלט. דו האָסט מיט אָדלער-בליק דערזען:

„נישט מענטש אַליין, נישט פֿאָלק אַליין"
נאָר „אויסגעלייזט מוז ווערן די וועלט".
מיט וויפֿל ליבע, דרך־ארץ, מיר רעדן אַרויס:
„ייִד, למד, פּרץ"!

פּאַריז, 1965

אליעזר גרינבערג

י. ל. פּרץ און באַנטשע שווייג אין וואַרשעווער געטאָ

פאַרנאַכט, ווען ס'לעשן זיך די לעצטע שטראַלן
פון אַ שווינדזיכטיקער זון, וואָס האַלט ביים שטאַרבן:
ווען אַ שלאָפע מידקייט הייבט־אָן צוצופאַלן
צו דער געטאָ־שטאָט — אַן אויסגעהוילטער שאַרבן.

ווען גרוי פון שאָטנס ווערן גרויער נאָך די שטונדן,
און דער אָטעם האַקט זיך איבער שנעל פון מורא;
ווען זונפאַרגאַנג בליט רויט, ווי בלוט־פלעקן אויף ווונדן,
און די לבנה גילבט, ווי פאַרמעט פון אַן אַלטער תורה.

ווייסט קיינער נישט פון וואַנען, נאָר אויף גאַסן
פול מיט טויטער שטילקייט לאָזן טריט זיך הערן:
י. ל. פּרץ שלייכט פאַרביי, און אין זיין בלאַסן
פּנים — צוויי אויגן לייכטן ליכטיק, ווי צוויי שטערן.

דער זעלבער שוואַרצער הוט מיט ברייטע ראַנדן —
זיצט ווי תמיד אויף זיין לייבנקאָפּ באַדעקט מיט שניי:
ער קומט איצט פון אַ ווייטער־ווייטער וועלט צו לאַנדן —
קוקט ער אויף זיין היים אַצינד מיט שרעק און ווי.

ער קוקט, און זעט בלויז קופּעס אַש, — און דער אָרומעט —
איז ליים און ציגל; אויסגעצויגן ליגן שטוב און מויער;
שול און הקדש; און איבער אַלץ אַ וויסטער אומעט,
און איבער אַלץ אַ וויסטער טרויער.

אָט־דאָ באַדאַרפט וואַלט זיין די טוואַרדע, קראָכמאַלנע, דער גאָרטן
וואָס ער פלעגט מעסטן יעדן טאָג אויף זיין שפּאַציר:

אַ טריבע, ווילדע בלום גוסעט דאָ און דאָרטן —
און פון דערקענטשאַפט ווײַנט די ערד פון זײַן באַריר.

נאָר פּלוצים לויפט פאַרבײַ אַן עדה יידן —
מיט געלע לאַטעס און מיט אויגן שטומע:
אַ וויפל צער עס ווײַנט אַראָפּ פון זייערע קעפּ די מידע,
אַ וויפל טרויער הענגט אַראָפּ פון זייערע רוקנס קרומע!

זיי יאָגן זיך פאַרבײַ — סטאַדעס שטומע פי,
און קוקן שטאַר מיט מורא און פאַרדאַכט:
(אַ מענטש וואָס טראָגט קיין געלע לאַטע איז נישט פון הי!)
ביז ס׳שלינגט זיי אײַן אַ טיפע, וואַנזיניקע נאַכט.

פּרץ מאַטערט זיך דאָס רעטעניש פון אָרט און צײַט צו לייזן,
ביז אין טיפן טרויער טוט ער זיך פּלוצים אַ דערמאָן —
געווען אַמאָל דרײַ אַדלערס יונגע: נאָמבערג, אַש און רייזען,
און ווּ איז דאָ אַהינגעקומען דער גוטער דינעזאָן?...

מיר האָבן אַלע דאָ געטרוימט אַ טרוים אַ גרויסן,
מיר האָבן אַלע דאָ אַ קייט אַ גאָלדענע געשמידט;
איצט שטיי איך דאָ אַליין אין יאָמערטאָל, ווּ ביטער ווײַנט
דער דרויסן —
אויף די „עצמות היבשות״, און ס׳רירט זיך נישט קיין גליד!

וואָס פאַר אַ יאָרהונדערט איז דאָס? וואָס פאַר אַ מדינה?
מיטום? טאָרקוועמאַדאָ? ת״ח? צי אפשר גאָר מצרים?
אַ ווינט נעמט רייסן בייז זײַן פּעלערינע —
און אַ זאַטע קראָ צעקראַקעט זיך, און פליט פאַרבײַ אים.

שפּאַנט פּרץ ווייטער, אויפן וועג צו דער קהילה,
ווּ געווען איז ער אַ לעבנלאַנג אַ פּועל־יום, אַ שרײַבער;

אויף אַ קופּע אַש טרעפט ער מורמלען תהילים —
מיט קול, מיט ציטערדיקן — זיין באַנטשע שוויגער.

באַנטשע דערקענט באַלד זיין באַשעפער, און לויפט אים שנעל אַנטקעגן,
און שטרעקט אים אויס אַ האַנט אין שטומען דרך־ארץ:
און ס'ענטפערן צוויי אויגן אויף וואָס צוויי אויגן פרעגן —
באַנטשע שוויגט ווי תמיד, דאָך הערט די נאַכט און פּרץ:

שלאַכטן; געטאָס; קאַלכאויוונס; גאַזן; שריפות:
שוידערשיין פון סוואַסטיקאַס; (און ביידע פּיבערן פון קעלט!)
פאַרשטיקטער שלוכץ: פאַרצווייפלטער געשריי: פאַרשאָלטענע
ירושה פון מגיפות:
און ס'ברענט דער ייד אויף אַלע שייטערהויפנס פון דער וועלט!

באַנטשע שטעלט אַ טראָט, און פּרץ גייט אים נאָך,
אויף הימל שוואַרץ, ווי טינט — אַ וואָלקנדל אַ ריינס —
שיפט זיך איבער ימים פון אומגליק און פון בראָך,
ביז באַנטשע שטעלט זיך אָפּ ביי צעגלאָנע נומער איינס.

פון הויז, פון חרובן, פאַרבליבן איז איין שטיין,
אויף שטיין, אויף נאַקעטן, פאַלט באַנטשע באַלד אַוועק:
די שטילקייט פון דער נאַכט יאָמערט מיט געוויין —
און פּרץ הערט זיך איין מיט ווייטיק און מיט שרעק.

ווייזט מיט אַ פינגער באַנטשע: — אָט־דאָ האָסטו געוווינט,
אָט־דאָ האָסטו דיין קייט, די גאָלדענע געשמידט!
אויך מיך האָסטו באַשאַפן דאָ, נאָר איצט קריגסטו באַלוינט —
איך בין דעם רום דיר מוחל! דעם גאַנצן רום־יאַריד!

כ'וויל איצט פון זיך אַרויסשרייען אַלע יאָרן שוויגן,
כ'וויל דו זאָלסט אַ צונג, זאָלסט איצט מיר לשון גיבן!

איך האָב אַ לעבן אָפּגעשוויגן, און ווען פריי געלאָזט פון שטייגן —
האָבן אויך די חיות אויסגעמיטן מיך, און איך בין דאָ פאַרבליבן — — —

צו זיין אַן עדות, ווי ס'האָט די וועלט געשוויגן, ווי געשוויגן
ס'האָט דער בורא
ווען מ'האָט אונדזער שטאָט געקאָסעט — קינד און קייט,
דעם אביון ווי דעם עושר!
— באַשאַפער מיינער, רוף אויפסניי די גאַנצע וועלט צו אַ דין־תורה,
נאָר לאָז מיך, דעם אייביקן שווייגער, זיין אַצינד זייער מליץ יושר!...

לאָז מיך אויפעפענען די אייביק־פאַרשלאָסענע ליפּן,
וואָס זענען אַ לעבנלאַנג געווען מיט שוויגעניש פאַרזיגלט!
לאָז מיך אויספּראַלן דאָס האַרץ, וואָס האָט אַ לעבנלאַנג געכליפּעט
אין שוויגעניש — אויף טויזנט ריגלען פעסט פאַרריגלט!...

זיין יאָמער שטייגט, און גייט אַריבער אין אַ ווילדן וואָיען,
זיין קול שלאָגט־אָפּ אַצינד ווי וואָלף־און־טויב געברום.
ביז דער מאָרגן נעמט זיך צינדן מיט פיבערשן שגעון —
און פרץ יאָמערט און באָנטשע יאָמערט — און ס'גליווערט דער אַרום.

איכה ישבה בדד העיר רבתי עם היתה כאלמנה...
הזאת העיר שיאמרו כלילת יופי משוש לכל הארץ...
צוויי יידן שאָקלען זיך ביים שיין פון אַן אויסגייענדיקער לבנה,
פון גאַנצער שטאָט געבליבן זיינען באָנטשע און י. ל. פרץ.

— —

ביז אין מזרח שפּראָצט אויף טאָג, און פרעך מיט דעם באַגינען —
גייט ווידער אויף די זון, אומפאַרשעמט און ניכטער;
און אויך אומפאַרשעמט אַ וואַכן, און נישט־גערירט פון זינען,
געטראָפן האָט זי שרייבן דאָס — אַ יידישן דיכטער!...

ניו־יאָרק

מלך ראַוויטש

פּרץ

טורעם פון שלאָס, אין ערד־ציטער צעפאַלן —
פון חורבות־פאַרשאָטנקייט גראָבן מיר דיך אויס,
צו הייכן דיך ווידער, דאָרט ווו דו באַלאַנגסט!

פאָן פון אַ חייל, פאַרקוילטן פון פיינט טויזנטפאַכן,
מיר הייבן דיך ווידער צום הימל אַרויף,
פלאַטער צו וועלט־קאַמפן נייע, פלאַטער נצחון אונדז צו!

מאַסט פון אַ שיף, געזונקען אין שטורעם פון שטורעמס,
שווים ווידער פון כוואַליעס אַרויס און אַרויף,
זיי ווידער פון וועלט־שיף דער שפּיץ און דער תוך!

ניגון, דערוואָרגן אין שטראָמען יללה,
כאַפּ אויף זיך, צינד אָן זיך אין יעדערנס האַרץ,
און קנויט זיי אין ליכט פון דעם ליד פון דיין פאָלק!

קלינגוואָרט דו, פונק־וואָרט אין אַשן פון יאוש,
ברען אויף און צעוויג זיך, זיי פייער־רוף, שטורעם־גלאָק,
פלאַקער און קלינג אונדז און וועק אונדז און פיר.

כותל־מזרחי פון דריטן בית־המקדש,
געמויערט פון פעלדזן פון אייביקע ווערק,
זאַפּ איין אַלע טרערן און אָטעם אויס טרייסט!

רינג לעצטער, רינג ערשטער פון קייט פון דער גאָלדענער,
גורט אָן אונדז! צום נעכטן באַלאַנגט שוין דער איין שריט צוריק —
מיר זענען אין מיטן פון צוויי שריט פאָרויס!

לייבוש בן רבקה פון זאַמאָשטש, יאָל פרץ, וואָרט־נשיא פון וואַרשע,
מיר דאַרפן דיך, ווילן דיך, רופן ביים ברעג פון אַ תהום,
דיך און נאָר דיך, ווייל נאָך דיר איז — לא קם!

אהל פרץ

די דיכטער, וואָס זייערע לידער קומען אין דער אַנטאָלאָגיע

(לויטן א״ב)

אַדלער יעקב (1874—)
אויערבאַך אפרים (1892—)
אַליצקי ברוך (1907—1941)
אַליצקי לייב (1894—)
אַקסעלראָד זעליק (1904—1941)
אַראָנאָווסקי אליעזר (1906—)
באַריישא מנחם (1888—1949)
בודין ש. (1899—)
ביאַלאָסטאָצקי ב. י. (1893—1962)
ביילין י. ב. (1883—1962)
בילעצקי י. ח. (1911—)
בערגעלסאָן דוד (1884—1952)
בערלינער יצחק (1899—1956)
גאָטליב נ. י. (1903—)
גאָלדבערג יאָסל (1905—)
גאָנטאַר אברהם (1911—)
גוטערמאַן גוטע (1911—)
גינזבורג מ. (1894—)
גלאַטשטיין יעקב (1896—)
גלאַנץ יעקב (1902—)
גרין בער (1901—)
גרינבערג אליעזר (1896—)
גרינבערג דוד (1852—1917)
גרינבערג יהושע (1904—)
דייטש מאָטעס (1894—)
האַלפּערן משה לייב (1886—1932)
האַרצמאַן מאָטל (1909—1944)
העלער בינם (1908—)
וואַלדמאַן משה (1911—)
וואָלף לייזער (1910—1943)
וויינפּער ז. (1893—1957)
ווינטשעווסקי מאָריס (1856—1932)
זאַלצמאַן משה (1909)
זאַק אברהם (1891—)
יונגמאַן משה (1922—)
יאָפע מרדכי (1894—1961)
לאָפּין ב. (1889——1952)
לי מלכה (1904—)
לייוויק ה. (1888—1962)
לעוו אברהם (1910—)
לעיעלעס א. (1889—)
מאַלאַדאָווסקי קאַדיע (1894—)
מאַרגענטוי לייב (1905—)
מילער ל. (1889—)
נאַדיר משה (1885—1943)
נסתר דער (1884—1950)
סוצקעווער אברהם (1913—)
סיגאַל י. י. (1896—1945)
סלאָנים יואל (1883—1944)
ספּארד דוד (1905—)
עמיאָט ישראל (1909—)
פוקס חיים לייב (1897—)
פיינבערג לייב (1897—)
פליישמאַן עוזיאל (1875—1953)
פעל־יעלין שרה (1895—)
פעפער איציק (1900—1952)
צייטלין אהרן (1898—)
צינבערג ישראל (1873—1939)
קאָרן רחל (1893—)
קוויטקאָ לייב (1883—1952)
ראַדאָשיצקי י. ח. (1883—)
ראָוויטש מלך (1893—)
ראָזענפעלד מאָריס (1862—1917)
ראָסין ש. (1890—1941)
רויזענבלאַט ה. (1878—1956)
רייזמאַן אליהו (1910—)
רייזען אברהם (1875—1953)
שאַרגעל י. צ. (1905—)
שווייד מאַרק (1891—)
שולשטיין משה (1911—)
שטענצל א. נ. (1897—)
שטערן שלום (1907—)
שלום עליכם (1859—1916)
שמרי אריה (1907—)
שפּיגל ישעיהו (1903—)
שקליאַר משה (1910—)